בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ״ק מרן אדמו״ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה״ה

**אבדק״ק סאטמאר יע״א**

**וגאב״ד עיה״ק ירושלים תובב״א**

סעודה שלישית

## זכור (צַו) תשב״ז (חלק ג)

בכניסת ליל פורים שחל במוצאי שבת

**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**

• במדרש: ענין הזכירה לזכור שחטאו ישראל מקודם באמירת הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ, ושלא לעשות כן • עיקר המצוה לזכור בְּלֵב ובאם לאו לא יָצָא • להרמב״ן המצוה לפי פשוטו, לְסַפֵּר וּלְדַבֵּר מזכירת מעשה עֲמָלֵק • אם מצות זָכוֹר ומצות תִּמְחֶה תלויים זה בזה • הרה״ק מלובלין: לא טוב לחשוב בַּעֲבֵרוֹת אפילו בדרך חרטה, רק יתחרט בדרך כלל על מה שחטא • ברש״י: לשון 'תָּמִיד' מתפרש בכל מקום לפי ענינו • הַעֲלָאַת הַמִּדּוֹת שייך רק בצדיקים • בריבוי מעשים טובים מכניעים כח עמלק, וזה נוהג בכל השנה • במצות זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, נכלל הן הנתינת לב בכל יום על השבת והן מצות קִדּוּשׁ בכניסתו • ענין 'עֲמָלֵק' קאי על הַשַּׂר שהוא הס״מ וכוחות הטומאה • במדרש: עלינו לעשות רק קריאת זָכוֹר, ומה ששייך בידינו, ועי״ז הקב״ה ימחה אותו לבסוף •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ״ד לפ״ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י מערכת לשון קדשו
כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע © Copyright
צו מנדב זיין רופט: 1-718-388-5519 | דורך קרעדיט קארד: 845-366-2793 #1700



**לשון קדשו:** 929-522-1515
ארץ ישראל: 072-3275205
ענגלאנד: 0330-350-3110
פעקס: 718-650-2970
דרוק 1 דערנאך 965 פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק 3

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: 718-298-4641
ארץ ישראל: 072-3333419
16→6→827. 3

# ברכת מזל טוב

הרב **יוסף מענדלאוויטש** שליט״א
לנישואי בתו - עב״ג החתן **אשר יודא** נ״י
בן הר״ר **חיים דוד קרויס** הי״ו

הר״ר **וואלף פערל** הי״ו
לאירוסי בתו - עב״ג החתן **יושע** נ״י
בן הר״ר **יצחק יעקב כ״ץ** הי״ו

הר״ר **יהושע צבי פריעדמאן** הי״ו
לנישואי בנו החתן **אריה** נ״י - עב״ג
בת הר״ר **יואל ווייס** הי״ו (ב״ר משה אהרן חיים)

הר״ר **יואל ראזענבערג** הי״ו (ב״ר הערשל)
לנישואי בתו - עב״ג החתן **שלמה אליעזר** נ״י
בן הר״ר **ליפא גליק** הי״ו

זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, ויעזור השי״ת שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די

# וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן

כ״ק אדמו״ר הגה״ק רבי **נפתלי צבי** זצוק״ל
בן כ״ק אדמו״ר רבי **שלמה** זצוק״ל **האלברשטאם**
**אבדק״ק באבוב**
נפטר ביום י״ב אדר ב׳ תשס״ה

מחשובי תלמידי רביה״ק בעיר קראלי
הגה״צ רבי **משה הלל** זצ״ל **קאהן**
בן הרב **שמואל מנחם** זצ״ל
אבד״ק סענזשארץ
נפטר י״ט אדר תשס״א

הרה״ח ירא שמים, בעל מדות טובות וישרות, עסק בשיעורי תורה בקביעות נפלא, רגיל בספרי רביה״ק זי״ע ובשמיעת קולו על הרעקארדינגס
רבי **חיים צבי** ב״ר עזריאל יחיאל ז״ל **לאווי**
גבאי צדקה בעד המוסדות במאנטריאל כשלשים שנה
נפטר ט״ו אדר ב׳ (שושן פורים) תשע״א

הרה״ח קבע מקומו בביהמ״ד בבוקר ובערב, בוחן תלמידי מוסדות רבינו בקרוינהייטס, פיזר מעותיו לצדקה למוסדות ולעניים
רבי **דוד** ז״ל **ראזענבוים** מעיר סעליש
ב״ר **חיים צבי** ז״ל - נפטר ט״ז אדר תשמ״ג
ולע״נ זוגתו מרת **בילא מינדל** ע״ה ב״ר **גור אריה הלוי** ז״ל
**לא הניחו זרע של קיימא – ונא לעשות חסד של אמת בעבורם**

האשה החשובה יראת ה׳ היא תתהלל
מרת **מרים** ע״ה ב״ר **לוי** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **חיים הכהן ראטה** ז״ל
נפטרה י״ד אדר ב׳ תשע״ו

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

קרן חיה רויזא
לע״נ הרבנית הצדקת
חיה רויזא טייטלבוים ע״ה
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

KolSatmar.com

יז

# קושיות ודקדוקים בפרשת זָכוֹר

וועל מיר זען. מ'האָב מיר היינט געליינט די וואָכעדיגע סדרה, [און] היינט געליינט זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.

דאַרף מען פאַרשטיין די גאַנצע פַּרְשָׁה [פון זָכוֹר] (וכדלהלן בהקושיות).

יח

וואָס איז דער מְכֻוָּן, מ'זאָל געדענקען אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.

רעכנט ער אויס [אין פסוק] מ'זאָל געדענקען 'וואָס ער האָט געטון', אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים[א].

(ההמשך לזה בריש אות כא. וראה עוד בזה להלן באות סג)

יט

[און] וואָס דער [מצוות] זָכוֹר איז טייטש, איז אַ פְּלוּגְתָּא[ב].

רוב פּוֹסְקִים זאָגן[ג], דאָס מיינט מען זָכוֹר בְּפֶּה.

אַזוי ווי ס'שטייט אַרויס אין ספרי[ד], יָכוֹל העט איך געוואָלט מיינען בְּלֵב, כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמור, אלא מאי זָכוֹר [מיינט], זָכוֹר בְּפֶּה.

איבערדעם זאָגן דאָך רוב פּוֹסְקִים[ה] אַז די פַּרְשַׁת זָכוֹר איז דאורייתא, איין מאָל אין יאָר צו הערן [די פרשה, עס] צו ליינען פון אַ סֵפֶר תּוֹרָה[ו].

---

[א] יש לציין כי בהרבה דרושים לפרשת זכור, מתחיל רבינו בענין המצוה וביאורו, אף מה שלא שייך לעצם הדרוש בישוב הקושיות. וכנראה הוא בכדי לקיים בזה המצוה לדעת הרמב"ן דלהלן (באות כ, ואות עד), דעלינו לספר ולדבר מענין זה. [ועיין בסגנון זה גם להלן באות סג-עג].

[ב] בין הרמב"ן ושאר פוסקים, וכמבואר בההמשך.

[ג] כמבואר בראשונים ופוסקים המצויינים להלן בהערה ה. וכן הוא **בספר המצות להרמב"ם** (מצוה קפט) המובא להלן (בהערה יז). - **ובספר החינוך** (מצוה תרג): **מדיני המצוה, מה שאמרו ז"ל שחיוב זכירה זו היא בלב ובפה**, וכן הוא **בספרי [וספרא]** (הובא להלן בהערה ד), **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה וגו', יכול בלבבך, כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמורה, הא מה אני מקיים זָכוֹר, שתהא שונה בפיך**, עד כאן בספרי. כדי שלא ישכח הדבר, פן תחלש איבתו ותחסר מהלבבות באורך הזמנים. [והמשך דבריו כאן, מובא להלן בהערה ה].

[ד] **בספרי סוף כי תצא** (פסקא פו): **זָכוֹר אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. זכור בפה, ואל תשכח בלב.**

ולשון רבינו כאן הוא **בתורת כהנים** ריש בחקותי (פ"א, ג) [אבל גם בלשון החינוך דלעיל, ולשון ספר המצות דלהלן, מוזכר זאת בשם הספרי, ואולי צ"ל ספרא] וז"ל: וכן הוא אומר (יתרו כ, ז) **זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, יכול בלבך, כשהוא אומר** (ואתחנן ה, יא) **שָׁמוֹר, הרי שמירת לב אמורה, הא מה אני מקיים זָכוֹר, שתהיה שונה בפיך**. ○ וכן הוא אומר (עקב ט, ז) **זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר, יכול בלבך, כשהוא אומר אַל תִּשְׁכַּח, הרי שכיחת לב אמורה, הא מה אני מקיים זְכוֹר, שתהא שונה בפיך**. ○ וכן הוא אומר (תצא כד, ט) **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם, יכול בלבך, כשהוא אומר** (שם, ח) **הִשָּׁמֶר בְּנֶגַע הַצָּרַעַת לִשְׁמֹר מְאֹד וְלַעֲשׂוֹת, הרי שכיחת לב אמורה, הא מה אני מקיים זָכוֹר, שתהיה שונה בפיך**. ○ וכן הוא אומר **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, יכול בלבך, כשהוא אומר לא תשכח, הרי שכיחת לב אמורה, הא מה אני מקיים זָכוֹר, שתהיה שונה בפיך**. [וכן הוא בגמרא מגילה (יח.), והובא להלן בהערה ל].

[ה] כן מבואר **בתוספות ברכות** (ברכות יג. ד"ה בלשון, ומגילה יז: ד"ה כל) **ובראש"ש** (ברכות פ"ז, סימן כ), **ובסמ"ק** (סימן קמז), **ובתרומת הדשן** (סימן קיח), **ובשלחן ערוך** (או"ח קמו, ב. תרפה, ז) **ולבוש** (או"ח תרפה, ב) **ומגן אברהם** (שם), וכן נקטו שאר האחרונים להלכה.

**ובספר החינוך** (מצוה תרג): ואל הזכירה הזאת **בלב ובפה**, לא ידענו בה זמן קבוע בשנה או ביום, כמו שנצטוינו **בזכירת יציאת מצרים** בכל יום ובכל לילה. והטעם כי בזכירה ההיא עיקר הדת, וכמו שהרחבנו הדבור על זה בהרבה מקומות בספרי. אבל טעם זכירת מה שעשה עמלק אינו רק שלא תשכח שנאתו מלבנו, ודי לנו בזה לזכור הענין **פעם אחת בשנה** וכו'. ואולי נאמר כי מנהגן של ישראל **בפרשת זכור** לקרותה **בשבת מיוחד** בכל שנה, תורה היא, ומפני מצוה זו היא שקבעו כן, והוא **השבת שלפני פורים** לעולם. ודין יהיה לקרותה ביום

KolSatmar.com

כ

[נאָר] אין **רמב״ן**[לב] זעט אויס סְתָם, [אַז] די עֲשֶׂה איז מ׳זאָל געדענקען, ס׳מוז נישט זיין **בְּפֶּה**.

[והגם] אין **ספרי** שטייט דאָך אַזוי[ו] [דזכור הוא ׳בְּפֶּה׳]. קאָן זיין ער מיינט [הרמב״ן לפרש כן] עַל דֶּרֶךְ הַפְּשַׁט. [אבל מלבד זה יש כאן ציווי גם לפי דרך הדרש, כי בשניהם נצטוו].

נאָר איך וועל דאָ ווייטער שוין רעדן פון דעם (באות עד-עח). [דיש לפרש ב׳ ציוויים בפסוק אחד, על דרך הדרש ועל דרך הפשט].

כא

קושיא ז

[על כל פנים] דער פָּסוּק זאָגט זאָלסט געדענקען, אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, וואָס ער האָט דיר געטון.

כב

להבין כוונת אומרו זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ׳לְךָ׳. דלשון ׳לְךָ׳
לכאורה מיותר, שהרי בלאו הכי מובן כן מהמשך הפרשה

ז) קודם דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער [זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה] ׳**לְךָ**׳, [דהיה סגי לומר] זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה עֲמָלֵק, [דהלא ממשיך למר] אֲשֶׁר ׳קָרְךָ׳ בַּדֶּרֶךְ, ער זאָגט דאָך ׳פאַר וועם׳ ער האָט געטון, פאַר ׳דיר׳, [וא״כ מיותר אומרו ״לְךָ״]. נו אַודאי [לְךָ], נישט פאַר אַן אַנדערן.

ער זאָגט דאָך [ווייטער] אֲשֶׁר ׳קָרְךָ׳, וַיְזַנֵּב ׳בְּךָ׳, ׳וְאַתָּה׳ עָיֵף וְיָגֵעַ, [אַז ער האָט געטון] פאַר אידן. איז דאָך גענוג ווען ס׳שטייט **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה** [לחוד], וואָס איז דער ׳לְךָ׳.

כג

איבערהויפּט, מ׳לײנט עס **יעדעס יאָר** [׳לדורות׳, והאיך שייך לדורות אֲשֶׁר עָשָׂה ״לְךָ״].

[ואפילו בתחילה] ווען מ׳האָט דאָס געגעבן אין **משנה תורה** (ספר דברים), איז שוין ׳דעס דוֹר׳ [הראשון] **ניטאַמאָל** געוועזן [בעולם, די] וואָס ס׳איז געשען [ביי זיין] די מַעֲשֶׂה מיט עֲמָלֵק׳ן. [שהרי ענין] אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, דאָס איז דאָך געוועזן [אין] תְּחִלַּת [דור המדבר], נאָך פאַר מַתַּן תּוֹרָה, אין **פרשת בשלח** (יז, ח-טז), **דאָס ערשטע יאָר** ווען מ׳איז אַרויס [פון מִצְרַיִם]. און [זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ] דעס איז אַ פָּסוּק אין **משנה תורה** (תצא כה, יז), **דאָס האָט** **העררשט משה רבינו געזאָגט פאַר אידן דאָס לעצטע יאָר** פון די אַרְבָּעִים שָׁנָה[ז] [שבמדבר, איז דאָך שוין געוועזן] ניין-און-דרייסיג יאָר אינדערמיט, און דעס דוֹר הַמִּדְבָּר [דור יוצאי מצרים] איז שוין דעמאָלטס נישט געוועזן אויף דעם עוֹלָם[ח], די מִלְחָמָה מיט עֲמָלֵק׳ן איז דאָך געוועזן מיטן דוֹר הַמִּדְבָּר [יוצאי מצרים, און] דעס דוֹר הַמִּדְבָּר איז שוין גאָרנישט געוועזן אויף דעם עוֹלָם. [ואם כן למה אמר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ״לְךָ״].

---

פורים, לפי שהוא מענינו של יום, כי המן הרשע היה מזרעו, אבל להודיע שקודם נס זה נצטוינו בזכירה זו, קבעו הפרשה קודם לפורים, אבל סמכוה לפורים על דרך מה שיאמרו ז״ל במקומות (ברכות כא: יבמות ד. וסנהדרין סז:) ׳סמכו ענין לו׳.

[ו] בענין קריאה בספר תורה, עיין להלן באות עג, והערה ל.

[ז] כמבואר **בפרשת דברים** (א, ג). וקאי על כל ספר דברים.

[ח] כמבואר **בפרשת דברים** (ב, ט-יז), ופרשת פנחס (כו, סה). ועיין ברש״י דברים (שם), וברש״י ויקרא (א, א. ד״ה לאמר) וחקת (כ, כא).

כך

נאָר [דעם ׳משמעות׳ הלשון לדורות, זה יש לתרץ כין] ער זאָגט ״לְךָ״, [ווייל] ס׳איז דאָך פאַר אידן, [וכמו שמצינו בהלשונות שברוב משנה תורה, וכן בעוד כמה פסוקי התורה, אַז ביי] יעדע זאַך וואָס ס׳איז אין כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווערט אָנגערופן בלשון ׳לְךָ׳ [וכדומה בלשון יחיד].

אָבער אַף עַל פִּי כֵן [עדיין קשה ׳יתור׳ הלשון כדלעיל, דהרי] ס׳שטייט דאָך אַרויס [ווייטער] אֲשֶׁר ׳קָרְךָ׳ בַּדֶּרֶךְ, [ואם כן אכתי צריך ביאור] פאַרוואָס ער דאַרף [דאָ] קוועטשן דעם ״לְךָ״.

מז

**קושיא טז-יז**

בפרקי דרבי אליעזר: כתיב זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, וכתיב זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, כיצד יתקיימו שניהם.
אלא אינו דומה כוס של קונדיטון לכוס של חומץ, זה זָכוֹר לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְגוֹ, וזה זָכוֹר לְהֻמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ

**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.**

ס׳איז יָדוּעַ דער מדרש, זיי ברענגען דאָך [עס] אַלע, דער **פרקי דרבי אליעזר**[ט], און די **מדרשים** אַלע׳.

שטעלט ער אַראָפּ [אין מדרש, אַ סתירה], כתוב אחד אומר (יתרו כ, ז) זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, וכתוב אחד אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, כיצד יתקיימו שניהם.

אלא אינו דומה כוס של קונדיטון[יא] לכוס של חומץ, זה זָכוֹר וזה זָכוֹר, זה זָכוֹר לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְגוֹ, וזה זָכוֹר לְהֻמְמוֹ[יב] וּלְאַבְּדוֹ.

מח

ויש להבין הן הקושיא, מהו הסתירה בין השני זכירות אלו.
והן התירוץ מה בא לחדש בזה, והלא מפורש החילוק בלשונות הכתובים

**ס׳איז נישט צו פאַרשטיין, וואָס איז די קַשְׁיָא, און וואָס איז דער תֵּירוּץ.**

---

[ט] **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק מד): רבי פנחס אומר, אחר ארבעים שנה רצה משה להזכיר לישראל ולומר להם זכורים אתם שאמרתם במדבר הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן (בשלח יז, ז), אלא אמר משה, אם אני אומר לישראל כך הרי אני מגלה את פניהם, והמגלה פנים לחבירו אין לו חלק לעולם הבא, אלא אני אומר להם מעשה עמלק, והם מבינים מה שכתוב לפניו וכו׳, לפיכך אמר להם משה זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם. אמרו לו ישראל, משה רבינו, כתוב אחד אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, וכתוב אחד אומר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, היאך יתקיימו שניהם, זה זָכוֹר וזה זָכוֹר. אמר להם משה, לא דומה כוס של קונדיטון לכוס של חומץ, זה כוס וזה כוס, זה זָכוֹר לשמור ולקדש את יום השבת, וזה זָכוֹר להשמיד ולהכרית את כל זרעו של עמלק, שנאמר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ וכו׳, וכשתבא לארץ לֹא תִּשְׁכָּח.

[ולשון רבינו ׳לקדשו ולענגו׳, וכן ׳להוממו ולאבדו׳, הוא מתוך לשון הישמח משה (כי תצא) והקדושת יו״ט (לר״ה, אות יט). וכעין זה הוא **באוהב ישראל** (כי תצא)].

[י] **בתנחומא כי תצא** (סימן ז): **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ וגו׳. כאן כתיב זָכוֹר, ובשבת כתיב זָכוֹר, שניהם שוין, אמר שלמה** (קהלת ב, טו-טז) אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי כְּמִקְרֵה הַכְּסִיל גַּם אֲנִי יִקְרֵנִי וְלָמָּה חָכַמְתִּי אֲנִי אָז יוֹתֵר, ואמרתי כִּי אֵין זִכְרוֹן לֶחָכָם עִם הַכְּסִיל לְעוֹלָם. אף על פי שכתוב בשבת זָכוֹר, ובעמלק זָכוֹר, אינן שוין. אמר שלמה כְּמִקְרֵה הַכְּסִיל גַּם אֲנִי יִקְרֵנִי, משל למה הדבר דומה, למלך שעשה סעודה וזימן את האורחים, נכנס הקערה לפניו מלא כל טוב, אמר זכור פלוני אוהבי. משקנח את הקערה אמר זכור פלוני שונאי, אמרו לו אוהביו זה הזכרת וזה הזכרת, אמר להם לזה הזכרתי על קערה מלא כל טוב, ולזה הזכרתי על קערה ריקם. כך השבת כתיב בה זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת ׳לְקַדְּשׁוֹ׳, ולכבדו במאכל ובמשתה ובכסות נקייה, ובעמלק כתיב זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, על מה אתה זוכרו, על שולחן ריקה, שנאמר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם.

**ובילקוט שמעוני** (תצא רמז תתקלח), עיי״ש שהביא דברי הפרקי דרבי אליעזר דלעיל.

[יא] פירוש: יַיִן שנתן בו דבש ופלפלים, והוא משקה חשוב ומשובח.

[יב] הוא מלשון **בלבול ומהומה** [הקודמת להשמדה וכליון], כמו וַיָּהָם אֵת מַחֲנֵה מִצְרָיִם (בשלח יד, כד).

טז) קודם [די קַשְׁיָא], וואָס הייסט **כֵּיצַד יִתְקַיְּמוּ שְׁנֵיהֶם**, וואו קומט איינס צו דאָס אַנדערע [שיהיה בזה איזה סתירה].

יז) און דערנאָך [דער תֵּירוּץ], ווייס איך דען נישט אַז 'דעס' איז **לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְגוֹ**, און 'דעס' איז **לְהֶמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ**. ס'שטייט דאָך [ארויס] אין פָּסוּק אַזוי, **זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת 'לְקַדְּשׁוֹ'**, און דאָ שטייט **'תִּמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק**.

מט

וואָס מאַכט ער פון דעם אַ קַשְׁיָא, מיט אַ תֵּירוּץ.

ווער וועט דען פרעגן, [דמשמע] ס'וועט עמיצער פרעגן [כיצד יתקיימו שניהם] מ'וועט נישט וויסן אַז ס'איז [זכירת שבת] **לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְגוֹ**, [עמיצער] וואָס ער ווייסט נישט דעם סוף פָּסוּק. דער מדרש שטעלט אַראָפּ [א סתירה] אויף דעם וואָס ער ווייסט נישט דעם סוף פָּסוּק? [והרי] אַז מ'קוקט אַריין אין פָּסוּק זעט מען דאָך [אַז] 'דעס' איז **לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְגוֹ** און 'דעס' איז **לְהֶמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ**.

נא

קושיא ב

במדרש: כתיב תִּמְחֶה, וכתיב אֶמְחֶה, אלא עד שלא פשט ידו בכסא ובמקדש, תִּמְחֶה, ומשפשט ידו במקדש, אֶמְחֶה

**תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם.**

ס'שטייט אין די מכילתא[יג], זיי ברענגען דאָך אַלע דעם מדרש אויפן אָרט, אויבן שטייט **'אֶמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק**, אין פרשת בשלח, און דאָ [בכי תצא] שטייט **'תִּמְחֶה'**.

[נאָר] **עַד שֶׁלֹּא פָּשַׁט יָדָיו בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ, עַד שֶׁלֹּא פָּשַׁט יָדָיו בִּזְבוּל**[יד], איידער ער האָט חָרוּב געמאַכט דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, האָט מען געזאָגט **תִּמְחֶה**, וועסט 'דו' אויסמעקן. **מִשֶּׁפָּשַׁט יָדָיו** [און] ער האָט חָרוּב געמאַכט דאָס **בֵּית הַמִּקְדָּשׁ**, האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט **אֶמְחֶה**, היצט וועל 'איך' אים שוין אויסמעקן.

נב

ויש להבין דלפי זה מתחילה היה בחינת 'תִּמְחֶה', ואחר כך נעשה בחינת 'אֶמְחֶה'. והרי בפסוק רואין להיפוך, דמתחילה בפרשת בשלח כתיב אֶמְחֶה, ולבסוף בפרשת כי תצא כתיב תִּמְחֶה

כ) לכאורה ברויך מען צו פאַרשטיין.

דער **אֶמְחֶה** שטייט דאָך אין די **תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** אַסאַך פריער ווי דער **תִּמְחֶה**, [שהרי] **'אֶמְחֶה'** שטייט דאָך אין **פרשת בשלח**, **כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר** [וגו' כִּי מָחֹה 'אֶמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק], דאָס איז דאָך נאָך געווען די ערשטע יאָר [ליציאת מצרים], און דעס

---

[יג] כן הוא **בתנחומא כי תצא** (סימן יא) [וכן בפסיקתא דרב כהנא (ג, טו)]: ר' יהושע בן לוי בשם ר' אלכסנדרי אמר, כתוב אחד אומר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, וכתוב אחד אומר כִּי מָחֹה אֶמְחֶה, כיצד יתקיימו שני כתובים אלו. עד שלא פשט ידו בכסא, תִּמְחֶה. כשפשט ידו בכסא, מָחֹה אֶמְחֶה. אפשר בשר ודם יכול לפשוט ידו בכסא של הקב"ה, אלא על ידי שהחריב ירושלים שכתוב בה (ירמי' ג, יז) בָּעֵת הַהִיא יִקְרְאוּ לִירוּשָׁלַיִם כִּסֵּא ה', **לפיכך מָחֹה אֶמְחֶה**.

[יד] מלשון **הגמרא בראש השנה** (יז.): **אבל המינין והמסורות והאפיקורסים שכפרו בתורה ושכפרו בתחיית המתים וכו', יורדין לגיהנם ונידונין בה לדורי דורות וכו'. וכל כך למה, מפני שפשטו ידיהם בזבול וכו', ואין זבול אלא בית המקדש.** שנאמר (מלכים א' ח, יג) בָּנֹה בָנִיתִי בֵּית זְבֻל לָךְ. [ולהלן בדרוש זה (בהנדפס בחלק א' של הקונטרס) האריך רבינו בביאור דברי הגמרא אלו].

KolSatmar.com

[תְּמְחֶה] האָט מען געזאָגט אין **משנה תורה** [בסוף המ׳ שנה במדבר]. **נו וויאַזוי איז דאָס** עפּעס [דהנאמר באחרונה קאי על הזמן של] **עַד שֶׁלֹּא פָּשַׁט יָדָיו.**

**איז דאָך פונקט פאַרקערט, פאַרקערט** וועט ס׳שטייט [גיוועז, היה ניחא, אבל לפי תירוצו] העט דאָך געדאַרפט שטיין ׳קוֹדֶם׳ דער תְּמְחֶה און ׳דערנאָכדעם׳ דער **אֶמְחֶה,** וואָרן דעס [תְּמְחֶה] איז דאָך געוועזן פריער׳ער, [און] **דער אֶמְחֶה איז דאָך הערשט נוֹלָד** געוואָרן דערנאָכדעם, ווען ער האָט חָרוּב געמאַכט דאָס **בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.**

צום סוֹף שטייט אין פָּסוּק נאָך פריער דער **אֶמְחֶה,** [ואם כן] **וואָס איז שייך צו זאָגן** ס׳שטייט פריער דעס וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, און דעס וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרן אויף פריער׳ער שטייט דערנאָך.

[והגם] **מ׳קאָן זאָגן אֵין מוּקְדָּם וּמְאוּחָר בְּתוֹרָה** (פסחים ו:), [אָבער] **אף על פי כן דאַרף** דאָך האָבן עפּעס אַ טַעַם [בכל מקום שהכתוב משנה את סדרו].

סב

# ישוב הקושיות בפרשת זָכוֹר

**ענינים במצות זכור**

**ובו גם הקדמה לישוב קושיא טז-יז** (מן אות עו ואילך)

(עד אחר אות פו)

נאָר לאָמיר צוקומען.

איידער איך וועל צוקומען צום בּיאוּר הָעִנְיָן, לאָמיר זען, איך וועל קודם אָנהייבן מיט דעם מדרש (שבקושיא טז), **כתוב אחד אומר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ וכתוב אחד אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, כיצד יתקיימו שניהם.**

סג

**[בענין הקישור שבין מצות הזכירה למצות המחייה, ואם תלוי זה בזה]**

בפסוק מפרט מה שעשה עמלק, אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, ובאמת צריך טעם למה לנו למנות זה, ולא סגי לצוות בדרך כלל לזכור שהרע לישראל, ושצריך למחותו. והרי באמת גם שאר אומות ושאר רשעים הרעו לישראל, אלא שכך הוא רצון הבורא שנזכור מעשה עמלק דייקא, ולמחות זכרו

לאָמיר זען.

ס׳שטייט אין פָּסוּק **זאָלסט געדענקען וואָס עֲמָלֵק האָט געטון.** [ואחר כך מסיים וְהָיָה בְּהָנִיחַ וגו׳ תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק וגו׳].

**לכאורה מַאי נַפְקָא מִינָהּ** [אַז] **מ׳זאָל אויסרעכענען די עֲבֵירוֹת** [אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וגו׳, לענין חיוב המחייה. והרי] **דער עִיקָר איז אַז דער רָצוֹן הַבּוֹרֵא איז אַזוי,** [אַז] **מ׳זאָל אויסמעקן עַמָלֵק׳ן**[טו].

**אַז נישט** [גם בלא זה, אף לאחר שהזכיר העבירות] **פאַרשטייט מען דען יאָ** [פאַרוואָס דוקא עמלק]. **האָט מען דען ווייניג געטון אין מִצְרַיִם, פַּרְעֹה האָט ווייניג געטון?** [וכן] **לָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל, וכדומה, און נְבוּכַדְנֶצַר. ס׳איז געוועזן** [כמה] **רְשָׁעִים בָּעוֹלָם, אַלע**

[טו] והתירוץ על זה, יובן בתוך דברי רבינו להלן באות צג-צו, קפג, קצה (ועוד). והתמצית דהכוונה להזכיר לישראל מה שחטאו ישראל מקודם, עד שעי״ז היה בכחו של עמלק לבוא ולהלחם.

אומות – רובָּא דְּרובָּא – האָבן דאָך 'געטון' [שלעכטס פאַר אידן, ומה צורך אצל עֲמָלֵק, צו] אויסרעכענען די עֲבֵירוֹת פונקטליך.

[און] ס'איז דאָ פְּשָׁטִים פאַרשידענע אין דעם אֲשֶׁר קָרְךָ[טז]. [ובכולם אכתי יש לומר דמצינו כן גם בשאר אומות].

סד

ובחשבון מנין התרי"ג מצות נחשב ציווי הזכירה וציווי המחייה לשתי מצות בפני עצמם

דער אֱמֶת איז דאָך דאָס צוויי מִצְוֹת [בפני עצמם, מצות הזכירה, ומצות המחייה].
אין מִנְיַן הַמִּצְוֹת פון די תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, איז דאָס גערעכנט פאַר צוויי מִצְוֹת.
אַלע מוֹנֵי הַמִּצְוֹת רעכענען אַזוי. טאַקע דער חינוך אַליין אויך, [און] אַלע.
דער רמב"ם[יז] און דער חינוך[יח] רעכענען, ס'איז אַ מִצְוָה [פון] 'זָכוֹר' אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, זאָלסט געדענקען וואָס ער האָט געטון, און [אַ מִצְוָה פון] 'תִּמְחֶה' זֵכֶר עֲמָלֵק.

סה

– און לֹא תִּשְׁכָּח איז די 'דריטע' מִצְוָה[יט].
ס'איז דאָ [סך הכל] דריי מִצְוֹת איז דאָ דאָ אין דער פַּרְשָׁה. –

סו

לכאורה איז דאָך [עס] גאָר צוויי זאַכן.

א] מ'זאָל געדענקען וואָס ער האָט געטון, ווי דער חינוך אַליין זאָגט פְּשַׁט[כ], מ'זאָל געדענקען [און] מ'זאָל וויסן אַז די וואָס זענען אַזוי מֵיצַר לְיִשְׂרָאֵל, איז די שִׂנְאָה פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זייער גרויס אויף אים.

---

[טז] וכמו שהאריך רבינו בזה לעיל בהדרוש (הנדפס בחלק א' של הקונטרס) בקושיא ח. [ושם העתקנו דברי חכז"ל בזה].

[יז] בספר המצות להרמב"ם (חלק העשין): מצוה קפ"ח. היא שצונו להכרית זרע עמלק בלבד משאר זרע עֵשָׂו, זכרים ונקבות קטנים וגדולים, והוא אומרו יתברך תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק וכו'.

מצוה קפ"ט. היא שצונו לזכור מה שעשה לנו עמלק, מהקדימו להרע לנו, ושנאמר זה בכל עת ועת, ונעורר הנפשות במאמרים להלחם בו, ונזרז העם לשנוא אותו, עד שלא תשכח המצוה ולא תחלש שנאתו, ותחסר מהנפשות עם אורך הזמן. והוא אומרו יתברך זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. ולשון ספרי (הובא לעיל בהערה ד), זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ, בפה, לֹא תִּשְׁכָּח בלב. כלומר אֱמוֹר מאמרים בפיך, שיחייבו בני אדם שלא תסור שנאתו מהלבבות. ולשון ספרי [נדצ"ל ספרא] (הובא לעיל שם), זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, יכול בלבבך, כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמורה, הא מה אני מקיים זָכוֹר, שתהא שונה בפיך. הלא תראה שמואל הנביא כשהתחיל לעשות המצוה הזאת, איך עשה, שהוא זָכַר תחלה מעשהו הרע, ואחר כך צוה להרגם, והוא אומרו יתברך (שמואל א' טו, ב) פָּקַדְתִּי אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה עֲמָלֵק לְיִשְׂרָאֵל.

[יח] בספר החינוך (סוף כי תצא): מצוה תר"ג. מצוה לזכור מה שעשה עמלק לישראל בצאתם ממצרים: שנצטוינו לזכור מה שעשה עמלק לישראל, שהתחיל להתגרות בם בצאתם ממצרים, בטרם נשא גוי וממלכה ידו עליהם, וכענין שכתוב (בלק כד, כ) רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק, ותרגומו רֵישׁ קְרָבַיָּא דְּיִשְׂרָאֵל הֲוָה עֲמָלֵק, שהכל היו יראים מהם בשמעם היד הגדולה אשר עשה להם ה' במצרים, והעמלקים ברוע לבבם ובמזגם הרע לא שתו לבם לכל זה, ויתגרו בם, והעבירו מתוך כך יראתם הגדולה מלב שאר האומות, וכענין שמשלו בזה מָשָׁל רבותינו ז"ל (תנחומא סוף כי תצא) ליורה רותחת שאין כל בריה יכולה לירד לתוכה, ובא אחד וקפץ וירד לתוכה, אף על פי שנכוה הקר אותה לאחרים. ועל זכירת ענינם זה נאמר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם. ○ משרשי המצוה, לתת אל לבנו שכל המיצר לישראל שנאוי לפני ה' ברוך הוא, וכי לפי רעתו וערמת רוב נזקו, תהיה מפלתו ורעתו, כמו שאתה מוצא בעמלק כי מפני שעשה רעה גדולה לישראל שהתחיל הוא להזיקם, ציונו ברוך הוא לאבד זכרם מני ארץ, ולשרש אחריו עד כָּלָה. [והמשך דברי החינוך כאן, מובא לעיל בהערה ג, והערה ה].

מצוה תר"ד. מצוה להכרית זרעו של עמלק: שנצטוינו למחות זרעו של עמלק ולאבד זכרו מן העולם, זָכָר ונקבה גדול וקטן, ועל זה נאמר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, שבכלל זֵכֶר הוא הכל וכו'.

[יט] כמבואר גם כן שם בספר המצות (חלק הלאוין, מצוה נט), וספר החינוך (מצוה תרה).

מ׳זאָל דאָס וויסן, [און] מ׳זאָל דאָס געדענקען.

ב] און ווידעראום איז דאָ אַ מִצְוָה פון מוֹחֶה זיין [את זכרון].

סז

וכן מצינו דאף בזמן הזה כשאי אפשר לנו לקיים המחייה, ובישמח משה מבאר עוד דאפילו אם נמצא עמלקי אין חייב להורגו, דהחיוב הוא רק בזמן שאפשר לנו למחותו כל זכר עמלק לגמרי. אבל מכל מקום מצות הזכירה נוהג אף בזמן הזה

[והראיה שאין ב׳ מצות אלו תלויים זה בזה, שהרי] לכאורה מוֹחֶה זיין קען מען דאָך נישט [היינט], דאָס קען מען דאָך נאָר ווען די צייט איז, ווען מ׳קען אים ׳אינגאַנצן׳ [מוחק זיין].

ווי אין ישמח משה[כא] איז דאָ דערינען [א מדובר]. זאָגט ער [לפי דעת הרמב״ם], אַז מ׳טרעפט אַן עֲמָלֵקִי [היינט], איז גאָרנישט קיין מִצְוָה אים צו הַרְגֶ׳נען, [ווייל] ס׳שטייט נאָר ׳תִּמְחֶה׳ [כשיכול אתה למחותו לגמרי. און] נישט אַזוי ווי ביי די ז׳ אומות [וואָס ס׳שטייט] הַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם (דברים כ, יז). [אבל אצל עמלק נאמר המצוה] נאָר אַז מ׳קאָן זיי ׳אינגאַנצן׳ אויסמעקן.

סח

די גמרא[כב] רעכנט דאָך טאַקע אויס, ס׳איז אַ מִצְוָה לִמְנוֹת לָהֶם מֶלֶךְ, און ׳דערנאָכדעם׳ הערשט [נצטוו במצות] תִּמְחֶה זֵכֶר עֲמָלֵק, ווען די צייט איז. [אָבער] נישט

---

[כ] מובא לשונו בזה לעיל בסוף הערה יח, משרשי המצוה וכו׳.

[כא] **בישמח משה** (סוף פרשת תצא, ד״ה זכור) **וז״ל: בספר החינוך בפרשה זו מצוה תר״ד במצות למחות זרעו של עמלק כתיב וז״ל, וזאת מן המצוה המוטלת על הציבור, וכענין שאמרו רז״ל** (סנהדרין כ:) **שלש מצות נצטוו ישראל וכו׳, ובאמת כי גם על כל יחיד וכו׳ ובא לידו אחד מזרע עמלק וכו׳** [עכ״ל החינוך]. **והנה בהגהות מהמשנה למלך כתב עיין לעיל סימן תכ״ה. וכוונתו כמו דשם במצות הריגת שבעה עממין, כתב ועובר על זה ובא לידו אחד מהם וכו׳, עיין שם. ורצ״ל דהוא הדין כאן נמי הוי הדין כן, כן הוא כוונת המשנה למלך. ○ אבל בהרמב״ם** (הלכות מלכים ה, ד) **כתב, מצות עשה להחרים ז׳ עממין וכו׳, וכל שבא לידו אחד מהן** [ולא הֲרָגוֹ, עובר בלא תעשה, שנאמר (דברים כ, טז) לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, וכבר אבד זכרם]. **ובהלכה ה׳ שם כתב, וכן מצות עשה לְאַבֵּד זֵכֶר עֲמָלֵק וכו׳, ולא כתב כלל ׳וכל מי שבא לידו אחד מהן׳ וכו׳, נראה ברור דמחלק בין מחיית עמלק ובין הריגת ז׳ עממין. והדין עמו, דבשלמא ז׳ עממין דכתיב בהו לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, ופירושו שלא נחיה אחד מהן, כמו שכתב הרא״ה** (בספר החינוך) **בסימן תקכ״ח, ורצ״ל דעל כל נשמה ונשמה בפני עצמו קאי הלאו דלֹא תְחַיֶּה. מה שאין כן העשה דמְחִיָּה, דלא הוי מצוה רק ״למחות זכרו״ של עמלק, ואם כן כל כמה דלא נוכל למחות** [כל] **זכרו, לא הוי המצוה כלל להרוג. וראיה ברורה לדבר, דהא שם בהלכה ד׳ דקדק הרמב״ם וכתב, וכל מי שבא לידו אחד וכו׳, עובר בלא תעשה. קשה דפתח בעשה, ומסיים בלא תעשה, וראוי היה לומר עובר בעשה דהַחֲרֵם** [תַּחֲרִימֵם] **וכו׳, ובלא תעשה וכו׳. אלא ודאי דסובר דאין בזה עשה, ד׳החרם׳ משמע כליה דוקא, ולא על אחד מהן, וכמו שנאמר** (דברים ג, ו) **הַחֲרֵם כָּל עִיר וכו׳, וזה ברור. ○ ובאמת הרא״ה שם במצוה תכ״ה כתב בהריגת ז׳ עממין, דאם בא לידו אחד, בטל העשה וגם עובר בלא תעשה, דהוא אזיל לשיטתו, אבל הרמב״ם ודאי אינו סובר כן. ונראה** [כי] **לכל זה כיון הגאון בעל משנה למלך בהגה״ה הנ״ל שכתב ועיין לעיל סימן תכ״ה, רצ״ל דאזיל לשיטתו דכתב דעובר בעשה דהַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם, אם כן הרמב״ם דלא כתב שעובר בעשה, אם כן גם כאן אין המצוה על אחד מהן, וזה ברור ונכון וכו׳. ○ ובאמת קשה על הרא״ה בספר החינוך, דא״כ אם יפגעו שני אנשים כשרים וצדיקים בְּיַעַר מזרע עמלק במקום שודאי להם שאין רואה** [רצ״ל דבכה״ג אין סכנה בדבר], **יהיו מחוייבים להרגו, ואם לאו עוברים בעשה, אתמהא, הלא לא ראינו ולא שמענו מאבותינו ורבותינו ואבות אבותינו שיהיו חוששין על זה, ולא חזינן לרבנן קשישאי דעבדי הכי אף במקום שמצוין זרעו של עמלק. ואין לומר דקושיא זו קשה ג״כ על הרמב״ם בז׳ עממין, זה אינו, דהלא כתב הרמב״ם שם דנשכח זכרם, וכמ״ש הרא״ה בספר החינוך שם בסימן תכ״ה דדוד הָרַג והשחית כולם, ולא נשארו רק מתי מספר ונתפזרו ונטבעו בין האומות עד שלא נודע זכרם, עיי״ש. אבל העמלקים בהרבה מקומות הם מצויים מאד, וזה ברור לדעתי כשמש.** [ועיין עוד באורך בשו״ת דברי יואל (קיח, טו. ד״ה אבל) מה שכתב רבינו בזה, ומיישב שם גם דעת ספר החינוך דנוהג מצות תמחה גם בזמן הזה].

[כב] **בגמרא סנהדרין** (כ:). וכבר האריך רבינו בזה לעיל בהדרוש (הנדפס בחלק א׳ של הקונטרס) **בקושיא יג.** [ושם העתקנו לשון הגמרא בזה].

KolSatmar.com

**אַלעמאָל איז** [די צייט] **ווען מ'קען מוֹחֶה זיין.**

סט

**און די** [מצוות] **זכירה דאָס איז דאָך כְּסֵדֶר** [נוהג]**, דאָס דאַרף מען געדענקען** [היינט אויך]**.**

**אין ספרי**[כג] **זעט דאָך אויס** [אַזוי]**.**

**נאָר ווי זיי זאָגן דאָך**[כד]**, איז עס נאָר איין מאָל אין יאָר.** (ההמשך בפרט זה, באות עד)

ע

אלא דמצינו בספר החינוך, שמקשר אלו הב' מצות אהדדי, ומטעם זה פוטר את הנשים גם ממצות הזכירה, מכיון שלא שייך בהם מצות המחייה, לפי שאינם בני מלחמה

**ס'איז אַ פֶּלֶא** [וואָס] **דער חינוך**[כה] **שפּאַנט דאָס צוזאַם** [מצות הזכירה עם מצות המחייה, און] **ער זאָגט** [מהאי טעמא] **אַז נָשִׁים זענען פָּטוּר פון די מִצְוַת זָכוֹר, פאַרוואָס, ווייל ס'איז געבינדן מיט** [מצות] **מְחִיַּית עֲמָלֵק, און נָשִׁים זענען נישט קיין בַּעֲלֵי מִלְחָמָה** [ולא נצטוו על המחייה, ולכן גם לא נצטוו על הזכירה]**.**

עא

אבל במנחת חינוך באמת הקשה עליו, דדבריו הם חידוש, דמנליה לומר דשתי המצות אלו תלויים זה בזה

**דער מנחת חינוך**[כו] **פרעגט אים טאַקע האַרב** [דמנלן דהזכירה והמחייה תלויים זה בזה]**.**

**און ער בלייבט טאַקע אַזוי, אז לויט די פּוֹסְקִים** [האחרים שסתמו בדין זה] **איז משמע** [אַז די נָשִׁים זענען יאָ מְחוּיָב] [במצות זָכוֹר. ווייל] **ס'האָט נישט קיין שׁוּם שייכות לכאורה** [הזכירה עם המחייה]**, ס'איז דאָך צוויי** [עסקטערע] **מִצְוֹת.**

**דאָס איז דען דער טַעַם** [הזכירה, עבור המחייה]**.**

**ס'איז** [טאַקע] **אַ חִידוּשׁ וואָס ער שפּאַנט עס צונעזאַם**[כז]**.**

---

[כג] המובא לעיל בהערה ד, ובעיקר בתורת כהנים המובא שם, שמביא זה ביחד עם שאר הזכירות שאין חייבין לקרותן בספר. וכמו שהבין מזה **הרמב"ן** בפרשת כי תצא (כה א המובא להלן, וביותר ברמב"ן שם כד ט) בדברי הספרי וספרא.

[כד] שאר הפוסקים שאינם סוברים כהרמב"ן בזה, ועיין בהמצויין לעיל בהערה ה. וכן נמצא בלשון **הפסיקתא** המובא להלן בהערה ס, ועוד.

[כה] **בספר החינוך** (מצוה תרג) כתב במצות זכור: **ונוהגת מצוה זו בכל מקום ובכל זמן, בזכרים, כי להם לעשות המלחמה ונקמת האויב, לא לנשים.**

[כו] **במנחת חינוך: והרב המחבר פוטר נשים ממצוה זו, ונראה קצת דפוטר אותם מהלאו** [דלא תשכח] **גם כן. וברמב"ם אינו מבואר זה, וצריך ראיה לפטור נשים ממצות עשה שאין הזמן גרמא, ובפרט במקום לאו גם כן. ○ ומה שכתב כי להם לעשות המלחמה ולא לנשים וכו'. גם מי עמד בסוד ה' יתברך אם הטעם מחמת הנקמה, דאפשר** [הוא] **גזירת הכתוב שנזכור שנאתו מאיזה טעם, ואנחנו אין יודעים. ואפשר אף בביאת משיחנו שיכרת עמלק מכל וכל ולא יהיה זכר להם, מכל מקום הזכירה יהיה תמיד מצות עשה לזכור ולא לשכוח, על כן צריך עיון דפוטר נשים ממצוה זו. ונראה דכל אישי ישראל חייבים, כמו כל מצות עשה שאין הזמן הגרמא, כן נראה.**

[וכן הקשה בשו"ת **בנין ציון החדשות** (סימן ח) לבעל ערוך לנר. ועיין שם שכתב בשם רבו הגאון ר' אברהם בינג זצ"ל אב"ד ווירצבורג, בשם רבו החסיד שבכהונה הגאון **רבי נתן אדלער** זצ"ל, שפסק שהנשים חייבות, וכ"כ גם בשו"ת **מנחת אלעזר** (ח"ב סימן א אות ה) דנשים חייבות. - ולעומת זה עיין בשו"ת **ערוגת הבושם** (או"ח סימן רה) דמסיק ליישב דעת החינוך דנשים פטורות. ובשו"ת **תורת חסד** (לובלין, סימן לז) כתב דמנהג הנשים אצלם מעולם במדינת פולין דאינם שומעות פרשת זכור. ועי' בשו"ת **דברי חיים** (או"ח ח"ב סימן יד) שכתב בתוך הדברים, דנשים פטורות מקריאת הד' פרשיות. וכ"פ **בכף החיים** (או"ח תרפה, ס"ק ל) בשם **לימודי ה'**, **וערוך השלחן** (שם, ב), אבל כתב דאף שאין חייבות בקריאה זו חייבים בעיקר הענין לזכור מעשה עמלק עיי"ש. ועיין בזה גם **בשדי חמד** (ח"א מערכת ז, כלל יג) **ובשו"ת מנחת יצחק** (ח"ט סימן סח, אות א)].

[כז] ועיין עוד בדרושים אחרים לשבת זכור, דשם נחית רבינו ליישב דעת החינוך מקושיית המנחת חינוך, וגם דמשום קושיא דידן אי אפשר לדחות דברי אחד מגדולי הראשונים, בדבר שלא מצינו להדיא שום חולק בזה בדברי שאר הראשונים.

KolSatmar.com

עב

ואף לדעת החינוך הוא נמנה על כל פנים לב' מצות נפרדות. אלא שבכל אופן צריך לומר דיש איזה קישור ביניהם, דשניהם הם מענין מחיית עמלק, וגם הזכירה תכליתו הוא שנצפה להגיע לידי מחיית זכרו

[און] **על כל פנים, דער אֶמֶת** [במנין תרי"ג] **איז דאָס צוויי מִצְוֹת.**

[נאָר] **עפּעס האָט עס 'דאָך' אַ קִישוּר.**

עג

[אופן קיום מצות הזכירה]

ברוב פוסקים משמע דמצות הזכירה הוא לקרות בתורה פעם אחת בשנה, ונדחקו מהיכן נלמד זאת. וכבר ביארתי בזה על פי דברי הגמרא דילפינן מהפסוק נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים דצריך להקדים זכירה לעשיה. ומשם נלמד דכן היתה ההלכה למשה מסיני, שמצותו הוא פעם אחת בשנה, ובחודש אדר דייקא

**נאָר לאָמיר זען.**

**פון וואַנעט ס'נעמט זיך** [דנלמד שהמצוה היא רק] **איין מאָל אַ יאָר, פלאָגן זיך די פוסקים** [דערין].

[נאָר] **איך האָב שוין דאָס לאַנג געזאָגט**[כח] [לפרש בזה, ווייל] **די הֲלָכָה לְמֹשֶׁה מִסִּינַי איז מְגַלֶּה,** [ווי] **די גמרא זאָגט**[כט] [דילפינן מהפסוק וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה] **נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים** (אסתר ט, כח) [דצריך להיות] **זכירה קודם לעשיה.**

[ולכן קודם פורים דייקא צריך לקיים מצוה זו, בקריאה מתוך הספר תורה, וכדילפינן מהפסוק] **כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר, ס'מוז זיין אַ סֵפֶר, געשריבן כָּשֵׁר ווי אַ סֵפֶר תּוֹרָה**[ל]**.**

**די הֲלָכָה לְמֹשֶׁה מִסִּינַי איז מְגַלֶּה**[לא] **אויף דעם זָכוֹר, אַז דער זָכוֹר איז טייטש בְּפֶה** [מתוך הספר תורה, ושמצותו בפעם אחת בשנה, ובחודש אדר].

עד

אמנם הרמב"ן סובר כפי פשוטו, דהחיוב דאורייתא בזכירה זו הוא ככל השש זכירות, לספר ולדבר מענין זה, ושלא נשכח מזה, ולדבריו משמע לכאורה דאין לזה זמן קבוע מן התורה

[אמנם] **דער רמב"ן**[לב]**, ער זאָגט** [אַנדערש, דכוונת מצות זָכוֹר הוא] **נאָר סְתָם, מ'זאָל געדענקען** [בלב], **מ'זאָל** [עס] **נישט פאַרגעסן.**

---

[כח] **בס"ג זכור תשי"ד** (לשון קדשו רלב), **זכור תשי"ח, זכור תשכ"ה.**

[כט] **בגמרא מגילה** (ל.): **איתמר, פורים שחל להיות בערב שבת, רב אמר מקדימין פרשת זכור, ושמואל אמר מאחרין. רב אמר מקדימין, כי היכי דלא תיקדום עשיה לזכירה, ושמואל אמר מאחרין, אמר לך כיון דאיכא מוקפין דעבדי בחמיסר, עשיה וזכירה בהדי הדדי קא אתיין.**

[ל] **בגמרא מגילה** (יח.): **קראה** [להמגילה] **על פה, לא יצא וכו'. מנלן, אמר רבא אתיא זכירה זכירה, כתיב הכא וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים, וכתיב התם כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר, מה להלן בספר, אף כאן בספר.** ○ **וממאי דהאי זְכִירָה 'קריאה' היא, דלמא עיון בעלמא. לא סלקא דעתך, דתניא זָכוֹר, יכול בלב, כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אָמוּר, הא מה אני מקיים זָכוֹר, בְּפֶה.**

**ועיין במגן אברהם** (ריש סימן תרפה) **וז"ל: ובמגילה דף י"ח משמע פשטא דתלמודא דפרשת זכור דאורייתא, עכ"ל.** – [והרי דמתפרש הך "נזכרים" אקריאת זכור, ולא רק אקריאת המגילה. וע"ע במגן אברהם סימן תרפח (ס"ק י)].

[לא] **הכוונה דאף דהפסוק נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים, לא נאמר בתורה רק בנ"ך, מכל מקום מזה נתגלה לנו שכך היתה ההלכה למשה בסיני לקרותו בחודש אדר. וכדרך שאמרו בגמרא** (יומא עא. ועוד בכ"מ) **על דינים שנאמרו ביחזקאל, הא מקמי דאתי יחזקאל מאן אמרה, אלא גמרא גמירי לה ואתא יחזקאל ואסמכה אקרא.** [כן ביאר רבינו בשאר דרושים הנזכרים לעיל].

[לב] **ברמב"ן סוף כי תצא** (כה, יז): **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. כבר הזכרתי** (רמב"ן שם כד, ט) **המדרש שדרשו בו בספרא** (תו"כ בחקותי, הובא לעיל בהערה ד), **יכול בלבך, כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמורה, הא מה אני מקיים זָכוֹר, שתהא שונה בפיך. וכן בספרי** (כי תצא, הובא לעיל שם), **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, בפה, לֹא תִּשְׁכָּח בלב.** ○ **ולא ידעתי מה היא הזכירה הזו בפה, אם לאמר שנקרא פרשת עמלק בציבור, ונמצינו למדין מן התורה**

עה

אמנם באמת מצינו בדברי הרמב״ן פרשת יתרו בענין מצות זכירת השבת, שנכלל בזה שני ציוויים. הן הזכירה בכל יום כפי פשוטו, לזכור תמיד את יום השבת ולברור מנה יפה לשבת. והן כפי מדרשו, לקדשו על היין בכניסתו

[און] **דער אֱמֶת, ביי זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ שטייט אין רמב״ן אַליין**[לג] [כעין זה].

[דהנה] **דרשת חכמינו ז״ל איז**[לד] [אַז] **מ׳זאָל געדענקען** [דעם שַׁבָּת] **בְּפֶּה, מ׳זאָל מאַכן קִידוּשׁ,** [ועל זה נאמר] **לְקַדְּשׁוֹ.**

---

[הא דתנן] בשניה זכור (מגילה כט.), ויהיה סמך למקרא מגילה מן התורה. והנכון בעיני שהוא לומר שלא תשכח מה שעשה לנו עמלק עד שנמחה את שמו מתחת השמים, ונספר זה לבנינו ולדורותינו, לומר להם כך עשה לנו הרשע, ולכך נצטוינו למחות את שמו. ○ וכן במעשה מרים נצטוינו להודיעו לבנינו, ולספר בו לדורות. ואע״פ שהיה ראוי גם להסתירו, שלא לדבר בגנותן של צדיקים, אבל צוה הכתוב להודיעו ולגלותו, כדי שתהא אזהרת לשון הרע שומה בפיהם, מפני שהוא חטא גדול וגורם רעות רבות, ובני אדם נכשלים בו תמיד, כמו שאמרו (בבא בתרא קסה.) והכל באבק לשון הרע. [ועיין עוד באורך ברמב״ן לעיל שם (כד, ט) בביאור ענין זכירת מעשה מרים].

[לג] ברמב״ן יתרו (כ, ח): ואמר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ וכו׳. וכתב רש״י (שם) בפירוש זָכוֹר, תנו לב לזכור תמיד את יום השבת, שאם נזדמן לו חלק יפה יהא מזמינו לשבת, וזו ברייתא היא ששנויה במכילתא (יתרו, בחודש פרשה ז) כך, רבי אלעזר בן חנניה בן חזקיה בן גרון אומר, זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, תהא זוכרו מאחד בשבת, שאם נזדמן לך חפץ יפה תהא מתקינו לשבת אבל בלשון יחיד שנויה, ואינה כהלכה, שהרי בגמרא (ביצה טז.) אמרו תניא אמרו עליו על שמאי הזקן כל ימיו היה אוכל לכבוד שבת, כיצד מצא בהמה נאה אומר תהא זו לכבוד שבת, למחר מצא אחרת נאה הימנה מניח השניה ואוכל את הראשונה, אבל הלל הזקן מדה אחרת היתה בו, כל מעשיו היו לשם שמים, שנאמר (תהלים סח כ) בָּרוּךְ ה׳ יוֹם יוֹם יַעֲמָס לָנוּ. תניא נמי הכי, בית שמאי אומרים בחד בשביך לשבתיך, ובית הלל אומרים בָּרוּךְ ה׳ יוֹם יוֹם יַעֲמָס לָנוּ וכו׳.

וְעַל דֶּרֶךְ הַפְּשַׁט אמרו (במכילתא שם) שהיא מצוה שנזכור תמיד בכל יום את השבת, שלא נשכחהו, ולא יתחלף לנו בשאר הימים, כי בזכרנו אותו תמיד יזכור מעשה בראשית בכל עת, ונודה בכל עת שיש לעולם בורא, והוא צוה אותנו באות הזה כמו שאמר (תשא לא, יג) כִּי אוֹת הִיא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם, וזה עיקר גדול באמונת הָקֵל. ○ וטעם לְקַדְּשׁוֹ, שיהא זכרוננו בו להיות קדוש בעינינו, כמו שאמר (ישעי׳ נח, יג) וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג לִקְדוֹשׁ ה׳ מְכֻבָּד. והטעם, שתהא השביתה בעינינו בעבור שהוא יום קדוש, להפנות בו מעסקי המחשבות והבלי הזמנים, ולתת בו עונג לנפשינו בדרכי ה׳, וללכת אל החכמים ואל הנביאים לשמוע דברי ה׳, כמו שנאמר (מלכים ב׳ ד, כג) מַדּוּעַ אַתְּ הֹלֶכֶת אֵלָיו הַיּוֹם לֹא חֹדֶשׁ וְלֹא שַׁבָּת, שהיה דרכם כן, וכך אמרו רז״ל (ראש השנה טז:) מכלל דבחדש ושבת בעי למיזל וכו׳. ולכך אמרו ז״ל (חולין ה.) שהשבת שקולה כנגד כל מצות שבתורה, כמו שאמרו בעבודה זרה, מפני שבה נָעִיד על כל עיקרי האמונה, בחידוש [העולם], ובהשגחה, ובנבואה. ○ ובמכילתא (שם), רבי יצחק אומר, לא תהא מונה כדרך שהאחרים מונים, אלא תהא מונה לשם שבת. ופירושה, שהגוים מונין ימי השבוע לשם הימים עצמן, יקראו לכל יום שם בפני עצמו, או על שמות המשרתים, כנוצרים, או שמות אחרים שיקראו להם, וישראל מונים כל הימים לשם שבת, אחד בשבת, שני בשבת, כי זו מן המצוה שנצטוינו בו לזכרו תמיד בכל יום. וזה פשוטו של מקרא, וכך פירש רבי אברהם (באבן עזרא). ○ ואומר אני שזהו מדרשו של שמאי הזקן (במכילתא דרשב״י) שפירש מצות זכור עד שלא תבא, כלומר שלא נשכחהו בשום פנים, אבל הזכירו בברייתא (ביצה שם) עוד מדת חסידותו שהיה הוא מזכירו גם במאכליו ואוכל לכבוד שבת כל ימי חייו, והלל עצמו מודה במדרשו של שמאי, אבל היתה בו מדה אחרת במאכלים, מפני שכל מעשיו היו לשם שמים, והיה בוטח בה׳ שיזמין לו לשבת מנה יפה מכל הימים.

אבל לרבותינו עוד בו מדרש ממלת לְקַדְּשׁוֹ, שנקדשהו בזכרון, כענין וְקִדַּשְׁתֶּם אֵת שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים שָׁנָה (בהר כה י), שהוא טעון קידוש בית דין לומר ביובל מקודש מקודש, אף כאן צוה שנזכור את יום השבת בקדשנו אותו. וכך אמרו במכילתא (שם), לְקַדְּשׁוֹ, קדשהו בברכה, מכאן אמרו מקדשין על היין בכניסתו, אין לי אלא ליום, ללילה מנין, ת״ל וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַשַּׁבָּת (תשא לא, יד), וזהו קידוש היום, והוא מן התורה, אינו אסמכתא. וכך אמרו (ברכות כ:) נשים חייבות בקידוש היום דבר תורה, וזה על קידוש הלילה, לפי שכל הטעונים קידוש מתקדשים בכניסתן פעם אחת, כגון קידוש החדש, וקידוש היובל. אבל ביום אסמכתא, ואין אומרים בו מקודש כלל, שדיינו בפעם אחת בכניסתו, וכן על היין אסמכתא ואינו קבע כלל. ○ ובגמרא פסחים (קו.) אמרו, זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, זכרהו על היין בכניסתו, אין לי אלא ביום, בלילה מנין, ת״ל אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת, האי תנא מהדר אליליא ונסב ליה קרא דיממא, ועוד, עיקר קדושה בלילה הוא. אלא הכי קאמר, זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, זכרהו על היין בכניסתו, אין לי אלא בלילה, ביום מנין, תלמוד לומר את יום השבת וכן הברייתא שבמכילתא יתרץ בה אין לי אלא בלילה שהוא עיקר הקדוש, ליום מנין וכו׳, והוא אסמכתא בעלמא [לביום] וכו׳.

[לד] בגמרא פסחים (קו.). ולשון הגמרא בזה, הובא לעיל בסמוך בסוף לשון הרמב״ן. - ועיין בזה במגן אברהם (רעא, א).

KolSatmar.com

פונדעסטוועגן זאָגט דער **רמב"ן**, אָבער דאָס **פַּשְׁטוּת** [משמעות הכתוב] **איז אַז מ'זאָל 'כְּסֵדֶר' געדענקען דעם שַׁבָּת**, [ביי סיי] **וואָס מ'וועט טון**, [ועל דרך שאמרו כי שַׁמַּאי הַזָּקֵן] **כָּל יָמָיו הָיָה אוֹכֵל לִכְבוֹד שַׁבָּת**[לה].

[וכמו כן] **ביי יעדע מַעֲשֶׂה** [צריכין לִזְכּוֹר תמיד את יום השבת, און] **אַז מ'וועט מוֹנֶה זיין, זאָל מען נישט מוֹנֶה זיין לְחָדָשִׁים** [הכוונה לומר, לימי השבוע בעלמא, נאָר] **מ'זאָל אַלץ זיין אַלץ נאָר אויף דער וואָך** [היינו למנין ימי 'השבת', בכדי] **מ'זאָל געדענקען די שֵׁשֶׁת יְמֵי בְרֵאשִׁית**[לו], **און דער שַׁבָּת**, [ווייל] **דאָס איז דאָך** [דער] **עִיקַר אֱמוּנָה, מ'זאָל געדענקען אַז דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט באַשאַפן די וועלט** [בששה ימים], **וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ.**

**זאָגט ער** [אַז] **עַל דֶּרֶךְ הַפְּשַׁט איז אַזוי** [דער כוונת הכתוב].

**זעט מען דאָך אַז ס'איז פאַרהאַנדן דְרָשׁוֹת, און פְּשַׁט.** [ואין בזה סתירה, דבשניהם יש 'מִצְוָה'].

עו

**[ביאור שיטת רש"י בלשון 'תָּמִיד', דלפעמים אין פירושו תמיד ממש]**

וחשבתי דלפי דברי הרמב"ן אלו, יש ראי' מדבריו לישוב קושייתו בפרשת תצוה על שיטת רש"י דלשון תמיד הנאמר במנורה, אינו תמיד ממש אלא מלילה לילה. דהקשה שם הרמב"ן, דהרי דרשוהו על נר המערבי שדולק ביום ובלילה, ואם כן הוא 'תמיד' ממש

**אַקוּראַט**[לז] [חשבתי דעל פי דברי הרמב"ן במצות זכירת שבת] **מיט דעם האָב איך פאַרשטאַנען וואָס ס'שטייט תָּמִיד** [אצל הדלקת המנורה, וואָס] **רש"י זאָגט**[לח] [אויפן לשון] **תָּמִיד, אין פרשת תצוה** (כז, כ) [אויפן פסוק] **לְהַעֲלֹת נֵר 'תָּמִיד', זאָגט רש"י כָּל לַיְלָה וָלַיְלָה קְרוּיָה תָּמִיד.** [שהרי] **ס'ברענט דאָך נישט** [די מנורה] **'כסדר', נאָר ביי די נאַכט. נאָר תָּמִיד איז פאַרהאַנדן אַמאָל אַז ס'מוז נישט זיין כְּסֵדֶר** [ממש, נאָר] **ס'איז גענוג כָּל לַיְלָה וָלַיְלָה, יעדע נאַכט.** [און] **ווייל ס'איז יעדן טאָג, הייסט עס שוין אויך תָּמִיד.**

**און דער רמב"ן**[לט] **פרעגט דאָרט האַרב** [אויף] **רש"י**, [שהרי] **אין ספרי שטייט**

---

[לה] **בגמרא ביצה** (טז.). **ולשון הגמרא הובא לעיל בסמוך בתוך לשון הרמב"ן.**

[לו] **כמבואר במכילתא יתרו** (בחודש, פרשה ז). **ולשון המכילתא הובא לעיל שם.**

ועיין **בשו"ת דברי יואל** (סימן טו) מה שהאריך רבינו בביאור דברי המכילתא ודברי הרמב"ן אלו, ובענין האיך קיימא לן להלכה בזה.

[לז] **פירוש: פונקט היינט.**

[לח] **ברש"י** תצוה (כז, כ): **תָּמִיד. כל לילה ולילה קרוי תמיד**, כמו שאתה אומר (פנחס כח, ו) **עֹלַת תָּמִיד**, ואינה אלא מיום ליום. וכן במנחת חביתין (צו ו, יג) **נאמר תָּמִיד**, ואינה אלא **מַחֲצִיתָהּ בַּבֹּקֶר וּמַחֲצִיתָהּ בָּעָרֶב** (שם). **אבל תמיד האמור בלחם הפנים** (תרומה כה, ל), **משבת לשבת הוא.**

[לט] **ברמב"ן** תצוה (שם): **לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד.** כל לילה ולילה קרוי תמיד וכו', **לשון רש"י.** ○ **ומדרש רבותינו אינו כך**, אלא כך שנו **בספרי** (ריש בהעלותך), **יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת** (בהעלותך ח, ב), שומע אני שיהיו דולקין לעולם, תלמוד לומר (תצוה כז, כא. אמור כד, ג) **מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר.** אי מערב עד בקר, יכול יהיו דולקים מערב עד בקר ויכבם, תלמוד לומר **יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת.** הא כיצד, **יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר, לִפְנֵי ה' תָּמִיד** (אמור שם), **שיהא נר מערבי דולק תדיר**, שממנו מדליקין את המנורה בין הערבים. **ובתורת כהנים** (אמור פרשה יג, ז) **נמי אמרו כך, לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד, שיהא נר מערבי תדיר.** וקתני התם, מצאו שכבה מדשנו ומדליקו ממזבח העולה, **דאפילו ביום נמי מדליק נר מערבי, לפי שהוא תמיד לעולם.** ○ **ובמסכת תמיד** (ג, ט) שנינו כך, מי שזכה בדישון המנורה, נכנס ומצא שתי נרות מזרחיים דולקין, מדשן את השאר ומניח את אלו דולקין במקומן, מצאן שכבו מדשנן ומדליקן מן הדולקין, ואחר כך מדשן את השאר. וסתם משנה זו שנויה כדברי **רבי** (מנחות צח:) שאמר בנרות מזרח ומערב היו מונחין, ולדעתו נר מערבי הוא השני, ונקרא מערבי לפי שהוא מערבי לראשון, ולפי שהוא צריך להדליק נר מערבי לקיים בו **לִפְנֵי ה' תָּמִיד**, צריך להדליק המזרחי, שאין השני נקרא מערבי עד שיהא זה מזרחי אצלו, אבל

**בפירוש אַרויס[מ] אַז לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד גייט אַרויף אויפן נֵר הַמַּעֲרָבִי, און דער נֵר מַעֲרָבִי האָט געברויכט צו ברענען טאָקע בייטאָג אויך.**

עז

ומפרשי רש״י ביארו דאין בזה סתירה, דלפי הדרש קאי על נר המערבי והוא תמיד ממש,
אבל מכל מקום הכתוב לפי פשוטו מיירי בכל הנרות, ושם אינו תמיד ממש, רק מלילה ללילה

**דער מזרחי[מא] און דער גור אריה[מב] זיי פאַרענטפערן** [דברי רש״י], **זאָגן זיי אַז דאָס איז צוויי זאַכן** [ושניהם אֱמֶת].

---

לדברי האומר (שם) צפון ודרום היו מונחין, נר מערבי הוא האמצעי שבגופה של מנורה, והוא לבדו מדליק בבקר. ועל הכלל, **לִפְנֵי ה׳ תָּמִיד, בנר מערבי, שהוא דולק תמיד ביום ובלילה.**

[מ] **בספרי ריש בהעלותך.** ולשונו הובא לעיל בסמוך בריש לשון הרמב״ן.

[מא] **בפירוש המזרחי** (תצוה שם) האריך בביאור דברי רש״י, ואח״כ כתב: אבל **הרמב״ן** ז״ל טען עליו על מה שפירש שכל לילה ולילה קרוי תמיד, ואמר ומדרש רבותינו ז״ל אינו כן וכו׳ עכ״ד. ○ וזאת הקושיא כבר הקשוה **התוספות** בשלהי חגיגה (כו:) גבי מנורה לא כתיב בה תמיד, ופירש **רש״י**, כלומר ׳תמיד׳ האמור במנורה, לא תמיד יום ולילה הוא, אלא מלילה ללילה וכו׳. **והקשה הרב אלחנן** וכו׳, הא במסכת תמיד משמע דנר מערבי דולק כל היום, שממנה היה מדליק ובה היה מסיים, ומסתמא מתמיד נפקא. **ועוד קשה לרב אלחנן** עלה דההיא, דהא כתיב מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר, ושיערו חכמים מדתה לחצי לוג. **ויש לומר** דנר מערבי לא היה בה שמן טפי מבשאר נרות, ואפילו הכי ממילא מחמת הנס דולק כל היום, ובשעה שלא היה הנס היו מדליקין אותה בבקר, כדי להדליק ממנה האחרות. ○ פירוש, על כרחך לומר ד׳תמיד׳ דנרות אכולהו נרות קאי, ופירושו בכל לילה ולילה דומיא דעולת תמיד, שפירושו בכל יום ויום, דאי אנר מערבי בלבד, ופירוש לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד הנר המערבי, אם כן על כרחך לומר דיערוך אותו דבתריה נמי עלה קאי, וקשיא רישא אסיפא, כתיב לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד וכתיב מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר. ועוד, אי תמיד דנרות אנר מערבי קאי, למה היו משימין בה שמן חצי לוג כמדת חברותיה, בשלמא בשאר נרות שאינן דולקות אלא בלילה בלבד הוצרכו לשער השמן שיספיק בלילות הארוכים, ושיערו חצי לוג, אלא הנר המערבי אם הוא דולק תמיד, למה הוצרכו לשום בה חצי לוג בלבד. ומה שאמרו שהנר מערבי ממנה היה מדליק ובה היה מסיים, לא היה רק על פי הנס שהיה נוהג עד שמת שמעון הצדיק, אבל משמת שמעון הצדיק ואילך, היה כבה גם הוא כחביריו, כדאמרינן בפרק אמר להם הממונה (יומא לג:) וכו׳, ואם כן איך אפשר לומר שהכתוב שאמר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד הוא על פי הנס, לא יסמוך הכתוב המצוה על הנס בשום מקום. ○ ומה שדרשו, אותו לפני ה׳ ולא אחר לפני ה׳, דמשמע דסבירא ליה דקרא דיערוך אותו לפני ה׳ אנר מערבי לחודיה קאי, ולא על כל הנרות. צריך לומר, **דלא אמרו זה אלא על דרך אסמכתא, אבל פשטא דקרא אכולהו נרות קמיירי.** ומה שאמרו שיהא נר מערבי דולק תמיד ואם מצאוהו שכבה מדליקין אותו מיד, אינו אלא מדבריהם, כדי שידליקו ממנו שאר הנרות, וסמכו אותו אקרא דלהעלות נר תמיד על דרך אסמכתא בעלמא. ומה צורך להאריך בזה. והרי **הרמב״ם** (עי׳ תמידין ומוספין פ״ג) **והסמ״ג** (מ״ע קצג) כתבו בהדיא, מצות עשה להדליק נרות המנורה בכל יום, שנאמר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד, משמע דקרא דלהעלות נר תמיד אכולהו נרות קאי, ולא על הנר המערבי בלבד. **ועוד, אפילו אם תמצי לומר דהך דרשא דלהעלות נר תמיד ילפותא גמורה היא, אכתי איכא למימר דרש״י ז״ל לא רצה לפרש כן, משום דפשטא דקרא דלהעלות נר תמיד אכולהו נרות קמיירי**, דאי אפשר לומר שמצות המנורה אינה אלא כדי להעלות הנר המערבי בלבד. ○ **וכיון שאין המדרש הזה מתיישב אחר פשוטו של מקרא, מפני כמה דברים, אין ראוי לפרש אותו על פי מדרשו, שהרי דרכו של רש״י ז״ל בפרוש החומש הוא שלא יביא שום דרש אלא מאותן שהן קרובות לפשוטו של מקרא**, כמו שכתב בפסוק (בראשית ג, ח) וַיִּשְׁמְעוּ אֶת קוֹל ה׳ אֱלֹקִים מִתְהַלֵּךְ בַּגָּן. ולכן תמצא בכמה מקומות שפירש המקראות דלא כהלכתא, **להיותם קרובים לפשוטו של מקרא**, שהרי גבי אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה (משפטים כח, ח) פירש, ללמד שאין מחייבין אותו שבועה אלא אם כן הודה במקצת, כך וכך אני חייב לך וְהַמּוֹתָר נגנב ממני, אף על פי שזה אינו אלא דברי יחיד (ב״ק קו: קז.). וכן גבי אַךְ בָּשָׂר בְּנַפְשׁוֹ דָמוֹ לֹא תֹאכֵלוּ (נח ט, ד) פירש אותו על דעת רבי חנניה בן גמליאל (סנהדרין נט.) שהוא יחיד, ועזב דברי הרבים, וכן בכמה מקומות. ואין הבדל בין שיפרש המקרא אליבא דלא כהלכתא, ובין שיפרשנו שלא כמדרש רז״ל, דבית שמאי במקום בית הלל אינה משנה.

[מב] **בגור אריה** (שם, אות יג): **והרמב״ן** הקשה על רש״י, שמדרש רז״ל אינו אומר כן, אלא נקרא ׳תמיד׳ **הנר המערבי**, שהוא היה דולק כל היום וממנו היו מדליקין הנרות, וזה נקראת ׳תמיד׳, כך הקשה הרמב״ן. ○ **ויש לתרץ, דרז״ל דרשו מייתורא דתמיד**, דלא הוי למכתב רק ׳לְהַעֲלֹת נֵר׳, ובודאי בכל לילה ולילה היה מדליקן, דכתיב מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר יַעֲרֹךְ אֹתוֹ, לכך דרשו זה על נר המערבי שהיה דולק תמיד, **אבל פשוטו של מקרא לא הוזכר נר מערבי בקרא לומר דעליו בלבד קאי לשון ׳תמיד׳**, ולכך פירש (רש״י) מלת ׳תמיד׳, **כל לילה ולילה קרוי תמיד וכו׳.** [ועיי״ש עוד באורך].

KolSatmar.com

דער דְרַשׁ איז טאַקע [תָּמִיד ממש], - אַזוי זעט אויס תַּמְצִית דִבְרֵיהֶם [של המזרחי וגור אריה], - דאָס איז דער דְרַשׁ. אָבער דאָ אין פָּסוּק איז נישט געמאָלדן דער נֵר הַמַּעֲרָבִי [דייקא, רק כל הנרות כולם שאינם דולקים תמיד], און [איבערדעם] לְפִי פְּשׁוּטוֹ איז טייטש תָּמִיד 'כְּסֵדֶר' [בכל לילה ולילה, וכמו שפירש רש"י].

ס'איז ביידע אֱמֶת, [הדרש בנר המערבי, והפשט בכל הנרות].

עח

ולדברי הרמב"ן בפרשת יתרו, הרי מצינו גם בדבריו דאין סתירה בין הדרש להפשט, אלא אומרין דשני מצות נצטוו בכתוב אחד, הן הדרש והן הפשט

דער אֱמֶת, האָב איך געזאָגט[מג] [לפי זה, ס'איז] טאַקע אַ חִידוּשׁ [וואָס] דער רמב"ן פרעגט עס [אויף רש"י], און ביי [זכירת] שַׁבָּת זאָגט ער אַליין אַזוי, אַז דאָס איז צוויי זאַכן [הדרש והפשט]. כאָטשיג מ'האָט גע'דַרְשְׁ'נט [לקדשו בכניסתו], פונדעסטוועגן דאָס איז דער דְרַשׁ, אָבער דער פְּשִׁיטוּת הַדְבָרִים זעט אויס [דצריך לִזְכֹּר את השבת 'תמיד'].

אויף זָכוֹר זאָגט ער אויך די זעלבע, זָכוֹר [לפי פשוטו] זעט אויס 'כְּסֵדֶר' [הן בזכירת שבת, והן בזכירת מעשה עמלק]. דער דְרַשׁ איז טאַקע, קִידּוּשׁ טאַקע קאָן מען נישט מאַכן נאָר בִּכְנִיסָתוֹ, נאָר איין מאָל דאַרף מען קִידּוּשׁ מאַכן, מער דאַרף מען נישט, אָבער פונדעסטוועגען לְפִי פְּשׁוּטוֹ [צריך לִזְכּוֹר אותו תמיד].

זעט אויס דאָ גייט ער אַליין דעם דֶרֶךְ. און אַזוי [קען מען זאָגן] אויף [לְהַעֲלֹת נֵר] תָּמִיד אויך. [ואתי שפיר דברי רש"י, ולא קשה קושיית הרמב"ן].

עט

[ביאור ענין הפסוק וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד]

מבואר מדברי הרה"ק מלובלין, דאין לחשוב מעבירות תמיד ואפילו בדרך חרטה, ומה שנאמר וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי 'תָמִיד', הוא רק מזמן לזמן, וכשיטת רש"י בפרשת תצוה. והיינו שבדרך כלל יחשוב מה שחטא לפני בוראו וצריך לשוב בתשובה, אבל לא שיהרהר בחטאיו תמיד, שזה מביא לידי עצבות, ולידי מחשבות רעות

[ועל דרך זה מצינו גם בלשון הפסוק וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי 'תָמִיד'].

[ווי] ס'שטייט אין ספרים הקדושים, דער לובלינער זאָגט עס[מד], אויף חֲטָאִים. [אַז] וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי 'תָמִיד' (תהלים נא, ה) מיינט מען אויך נישט טאַקע 'תָּמִיד'. [שהרי] אַז מ'וועט כְּסֵדֶר אינזין האָבן די חֲטָאִים, איז מען [דאָך] בְּעַצְבוּת, וועט מען נישט קענען דינען דעם באַשעפער, [וכתיב] עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה (תהלים ק, ב), וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה' (דברי הימים ב' יז, ו).

[נאָר] מ'מוז האָבן אַ זְמַן דערויף, אַזוי שטייט אין לובלינער'ס ספרים אויך, וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד איז טייטש אַ זְמַן, [וכעין] אַזוי ווי רש"י זאָגט כָּל לַיְלָה וָלַיְלָה קְרוּיָה תָּמִיד.

---

[מג] פירוש: געטראַכט היינט.

[מד] בספרו זכרון זאת (בלקוטים על פסוקי נ"ך, ד"ה משלי שמים לרום וארץ לעומק) כתב בתוך הדברים וז"ל: וטוב [ל]פעמים לזכור שפלותו למזכרת עון, כמו שכתוב וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד, וידוע ש'תמיד' גם מיום אל יום פעם אחת, או בכל שבוע. אך 'בדרך כלל' טוב וראוי לזכור השפלות בכל עת, שטוב להכנע. הנה בעת שנותן הבורא ב"ה הקדושה לאדם להשיג האמת, ידוע החסרונות, כידוע לי, והכל בדרך כלל. ומכל אדם [אולי צ"ל ומכל מקום] 'בדרך כלל' כשהבנתי ונודע לי וגמרתי בדעתי להיות לי למזכרת, שלא לצורך לחשוב בכל עת וזמן וכו'. [ועיין עוד קרוב לזה בזכרון זאת פרשת צו (ד"ה ונתתי לכם לב בשר)].

ובהנהגות שבספרו דברי אמת (אות עד): וליזהר לקיים 'בעת הצורך' וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד. (וע"ע בהערה מו).

מ׳מוז האָבן אַ זמן וואָס מ׳מוז זיך באַרעכענען, און ס׳זאָל זיין מְשֻׁרָשׁ בְּלֵב - בַּעֲווֹנֵינוּ הָרַבִּים - אַז מ׳איז אַ בַּעַל חוֹטֵא.

אָבער נישט [אַז] מ׳זאָל כְּסֵדֶר ליגן [אין דעם] און אינזין האָבן דעם חֵטְא, [ווייל] דאָס טויג נישט[מה].

פ

[ואדרבה] אַמאָל איז גאָר פאַרהאַנדן מ׳מוז גאָר אַנטלויפן [מלחשוב בזה, בכדי שלא יבא לידי עצבות].

ווער שמועסט, אַז ס׳איז [אַ חֵטְא פון] מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת [און] הִרְהוּרִים רָעִים, דאַרף מען זיך גאָרנישט דערמיט נעמען, נאָר מ׳דאַרף ׳אַנטלויפן׳ דערפון[מו].

פא

אַזוי ווי ס׳שטייט אין ספרי תלמידי בעל שם טוב[מז], אַז דעס וואָס דער בעל שם טוב האָט געהייסן[מח] מַעֲלֶה זיין די מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת [למחשבות קדושות ועליונות, על זה כתבו תלמידיו] אַז דער וואָס איז נישט ׳אויסגעהאָרעוועט׳, דער מוז ׳אַנטלויפן׳ פון אַ מַחֲשָׁבָה רָעָה [ולא להתעסק בעבודת ׳העלאת המדות׳ שכתבו הצדיקים לפי מדריגתם].

[ווי] איך האָב שוין דאָס נאָכגעברענגט אין ויואל משה[מט], דעם תניא אין פרק כ״ח.

---

[מה] ועיין בליקוטי אמרים תניא (אגרת התשובה, סוף פרק יא) וז״ל: ומה שכתוב וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד, אין המכוון להיות תמיד עצב נבזה חס ושלום, דהא כתיב בתריה (תהלים שם, י) תַּשְׁמִיעֵנִי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה וכו׳ וְרוּחַ נְדִיבָה תִסְמְכֵנִי וכו׳, ומשום שצריך להיות כל ימיו בתשובה עילאה שהיא בשמחה רבה כנ״ל, אלא ׳נֶגְדִּי׳ דייקא, כמו וְאַתָּה תִּתְיַצֵּב מִנֶּגֶד (שמואל ב׳ יח, יג), מִנֶּגֶד סָבִיב לְאֹהֶל מוֹעֵד יַחֲנוּ (במדבר ב, ב), ופרש״י מֵרָחוֹק. והמכוון רק לבלתי רום לבבו, ולהיות שפל רוח בפני כל האדם, כשיהיה לזכרון בין עיניו שחטא נגד ה׳. ואדרבה לענין השמחה יועיל זכרון החטא ביתר שאת, בכדי לקבל בשמחה כל המאורעות המתרגשות ובאות [עליו], בין מן השמים בין ע״י הבריות, בדיבור או במעשה. וזו עצה טובה להנצל מכעס וכל מיני קפידא וכו׳. וכמאמר רז״ל (גיטין לו:) הנעלבים ואינן עולבין שומעים חרפתם ואין משיבים עושים מאהבה ושמחים ביסורים וכו׳, וכל המעביר על מדותיו מעבירים לו על כל פשעיו (ראש השנה יז.).

[מו] וגם זה הוא מדברי הרה״ק מלובלין, כמבואר בשמו באור לשמים (ליקוטים שבסוף הספר, מס׳ עירובין ד״ה שם משנה ב׳) וז״ל: כי שמעתי ממורי מהורי״י זצללה״ה מלובלין, כי הרהורי עבירה שאדם מהרהר ומתחרט, ובזה מהרהר בעבירה שעשה רח״ל, וזה קשה מעבירה (יומא כט.). כי מאחר שכבר טעם טעם מרירות, אסור להרהר אף בדרך חרטה, שלא יפנה ח״ו אליו, רק מתחרט ׳בדרך כלל׳, וירגיש בעצמו חסרונו מחמת מעשיו הידועים לו, ולא יהרהר.

[מז] עיין זה בלשון הויואל משה דלהלן בשם היושר דברי אמת, וליקוטי אמרים תניא.

[מח] כמובא בכמה ספרי תלמידיו, ומהם בתולדות יעקב יוסף (ר״פ בראשית), ודגל מחנה אפרים (ר״פ ויגש), ומאור עינים (ר״פ שלח ור״פ ואתחנן), וקדושת לוי (פ׳ שלח, ד״ה עלו זה).

[מט] בויואל משה (א, קפא): ובספר יושר דברי אמת מהקדוש הרב ר׳ פייבוש מזבאריז זצוק״ל, כתב (בחלק א, סימן טז) בדבר שנתגלו כתבים של הקדוש מורינו הרב ר׳ דוב בער ז״ל לכמה אנשים, ומועטים הם שיכלו להתדמות אליו לעשות כמעשיהו אפילו לנגוע בקצהו, והם רואים שם שכתב בכמה מקומות סגנון זה, דהיינו שמאהבה רעה שבאה לאדם יכול לאחוז באהבת הבורא, בחושבו קל וחומר, אם רצוני נוטה לאהוב שטות זה שהוא פסולת שנפל בשבירה, קל וחומר לשורשו לאהבת הבורא שממנו נלקחה זאת האהבה, וכן ביראה רע, וכן בהתפארות הגרוע, וכן בניצוח וכו׳. והם חושבים, אותם שאינם בעלי שֵׂכֶל שרואים זה, חושבים שדבר פשוט הוא ללמוד קל וחומר זה כמו שלומדים קל וחומר בגמרא, אבל שם הוא ללמוד, וכאן הוא לעשות. שאי אפשר ללמוד קל וחומר זה אם לא יהיה מופשט מגשמיות, כי אם הוא דבוק בגשמיות ובתאוות ומקבל תענוג מהם, בודאי אינו יודע כלל מאהבת הבורא ומיראתו ומתפארתו וכו׳, וחס ושלום יפול בשוחה עמוקה אם לא ישמור את עצמו מאוד, וצריך להרחיק את עצמו בכל ההרחקות הנמצאים בספרי מוסר וכו׳ עד כאן לשונו, יעיי״ש שהאריך עוד.

פב

[אַז] מ׳זאָל שטענדיג אַריינקלערן אין חֵטְא, דאָס טויג אויך נישט.

[ווייל] דער כְּלַל איז, זאָגן זיי דאָך אַלע, [אַז] אין וואָס די מַחֲשָׁבָה פון אַ מענטש ליגט, דאָרט גייט נאָך די בְּחִינַת הַנֶפֶשׁ.

נאָך די מַחֲשָׁבוֹת נאָך, גייט נאָך דער גאַנצער מַעֲמָד פונעם נֶפֶשׁ.

אַז מ׳קלערט אַריין אין דְּבָרִים טוֹבִים, אין דְּבָרִים קְדוֹשִׁים, דעס איז מְקַדֵּשׁ אֶת הַנֶפֶשׁ. און אַז מ׳קלערט אַריין אין נידעריגע זאַכן, אין עֲבֵירוֹת אַז מ׳קלערט אַריין, [אַזעלכע] מַחֲשָׁבוֹת דאָס איז מְטַמֵּא דעס נֶפֶשׁ, דאָס טויג נישט.

פג

[נאָר] ׳בְּדֶרֶךְ כְּלַל׳ זאָל זיין וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד [מזמן לזמן].

פד

ובאמת יש לפרש בפסוק זה גם תמיד ממש, באופן שנפרש ענין הכתוב דקאי על מה שהמזיק שנברא מהחטא הוא לוחם נגד האדם תמיד, ומבקש להכריחו לחטוא עוד, אשר זהו מלחמה תמידית עד שזוכה האדם לשוב בתשובה

הגם מ׳קען טייטשן וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד אַנדערש אויך, [דאין הכוונה על האדם, כי לעולם] ער אַליין דאַרף טאַקע נישט כְּסֵדֶר אינזין האָבן [די חטאים]. אָבער וְחַטָּאתִי [החטא עצמו והמזיק הנברא ממנו הוא לוחם נגדו תמיד. והוא על דרך שדרשו בגמרא[נ] בפסוק אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר ׳כְּנֶגְדּוֹ׳] זָכָה איז עֵזֶר, לֹא זָכָה איז ׳כְּנֶגְדּוֹ׳, לְהִלָּחֵם בּוֹ[נא].

אַז מ׳זינדיגט, [הרי החטא עצמו] דעס איז כסדר ׳כְּנֶגְדּוֹ׳ לְהִלָּחֵם [בו], דעס איז לוֹחֵם מיטן מענטש. אַז מ׳באַשאַפט אַ מַזִּיק, דער איז מַכְרִיחַ [לחטוא עוד ח״ו, וכמו שפירשו במאמר המשנה] עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה (אבות ד, ב). דער איז מַכְרִיחַ צו זינדיגן, און מ׳דאַרף זיך שלאָגן מיט אים כְּסֵדֶר. אפילו ווען ער [האדם עצמו] האָט עס נישט אינזין, [אָבער] דער חֵטְא אַליין איז נֶגְדּוֹ לְהִלָּחֵם בּוֹ, ווי רש״י טייטשט [אויף] עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ [דלא זכה הוא כנגדו להלחם בו, וכמו כן הא] דער חֵטְא איז לוֹחֵם תָּמִיד.

פה

אבל גם פירוש הראשון נשמע מהכתוב, מה שהאדם צריך לחשוב תמיד במה שחטא לפני בוראו, ולהיות נשבר לבו בקרבו. אבל לפי זה אינו מתפרש תמיד ממש

אָבער דער פְּשַׁט איז דאָך אָבער דאָס אויך [שישים האדם לנגד עיניו מה שחטא והמרה

---

וגם בפרקים שלאחריו (סימן יח-יט) האריך, שכמה ענינים כתבו בכתבים שאינו לסתם בני אדם, אלא לבני עלייה כמותם. וראיתי בני עלייה והם מועטים (סוכה מה:).

וכעין זה הוא בספר התניא חלק א׳ פרק כ״ח, וזה לשונו באמצע דבריו, אַל יהי שוטה לעסוק בהעלאת המדות של המחשבה זרה הנודע, כי לא נאמרו דברים ההם אלא לצדיקים שאין נופלים להם מחשבות זרות שלהם, כי אם משל אחרים, אבל מי שנופל לו משלו, מבחינת הרע שבלבו בחלל השמאלי, איך יעלהו למעלה והוא עצמו מקושר למטה.

והגם שענין זה של העלאת המדות מבואר בספרי תלמידי הבעש״ט בכמה מקומות אין מספר בסתמא, ולא הזכירו מאומה כי סתם בני אדם יוכלו ליפול על ידי זה בשוחה עמוקה כמו שכתוב בספר יושר דברי אמת, אלא בשביל שאמרו זה אָז לתלמידיהם, שהכירו אותם שראויים הדברים אליהם, לכן לא הוצרכו להזכיר מאומה, וכמו שהבאתי כהאי גוונא (לעיל מיניה בריש הסימן) מדברי הש״ס (קידושין כט:). והרבה ענינים אין מספר הם בכהאי גוונא בספרי תלמידי הבעש״ט, וצריך בינה יתירה להתבונן אם ימצא איזה דיבור המגיע אליו לשורש נשמתו. ולא באתי לפרט הרבה בזה, כי לא ראיתי להאריך כעת בדברים כאלו וכיוצא בו, ולא באתי אלא להעיר מזה שלא לתלות בוקי סרוקי בדברי תלמידי הבעש״ט הקדושים בתכלית הקדושה.

[נ] בגמרא יבמות (סג.): אמר רבי אלעזר, מאי דכתיב (בראשית ב, יח) אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ, זכה עוזרתו, לא זכה כנגדו [פירש״י: חלוקה עליו וסותרת דבריו].

[נא] מלשון רש״י בפרשת בראשית (שם): עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ. זכה עֵזֶר, לא זכה כְּנֶגְדּוֹ, להלחם.

KolSatmar.com

את בוראו], **ער דאַרף אינזין האָבן דער חטא.** [אמנם לפירוש זה] **איז דער 'תָּמִיד' אַנדערש טייטש** [דאינו תמיד ממש, רק מזמן לזמן, וכאמור לעיל].

פו
והיוצא מזה כי לשון 'תָּמִיד' מתפרש בכל מקום לפי ענינו

**כְּלָלוֹ שֶׁל דָּבָר, תָּמִיד איז טייטש 'לְפִי הָעִנְיָן'.**

[ס'איז] **דָּבָר הַלָּמֵד 'מֵעִנְיָנוֹ', לְפִי הָעִנְיָן טייטשט מען עס.**

פז
**ישוב קושיא טז**
'זָכוֹר' הוא לשון הֹוֶה, דמשמעות פירושו הוא לִזְכּוֹר הענין תָּמִיד

**היצט לאָמיר'זשע זען.**

**דער מדרש וויל דאָ באַוואָרענען, אַז איינער וועט דאָ מִתְבּוֹנֵן זיין וואָס איז טייטש זָכוֹר, זָכוֹר איז לשון הֹוֶה**[נב]**, איז דאָך עס טייטש** [לכאורה, אַז] **'כְּסֵדֶר' זאָל מען געדענקען.**

פח
ואצל זכירת השבת שפיר מובן בלשון זה, דצריך לזכור
את השבת תמיד ממש. דזה מביא קדושה בנפש האדם

**נו** [התינח 'הזכירה' שאצל] **שַׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ,** [דמונח בזה] **סיי לויטן פְּשַׁט** [שהזכיר ברמב"ן וברש"י] **לְקַדְּשׁוֹ** [לזכור וליתן לב תמיד על יום השבת, והן 'הדרש'] **אַז מ'זאָל מְקַדֵּשׁ זיין דעם שַׁבָּת** [בכניסתו, והיינו אמירת הקידוש].

**-דער נועם מגדים זאָגט**[נג] [להוסיף] **פאַרוואָס שטייט נישט זָכוֹר 'לְקַדֵּשׁ' אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת, נאָר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת 'לְקַדְּשׁוֹ',** [דתיבת 'לקדשו' נכתב] **דערנאָך. זאָגט ער** [ווייל]

---

[נב] וכמו שמפרש רש"י בכמה מקומות (נשא ו, כג. שלח טו, לה. פנחס כה, יז. דברים א, טז. וילך לא, כו). **ואצל זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת** (יתרו כ, ח) **כתב רש"י: זָכוֹר לשון פָּעוּל הוא, כמו** (ישעי' כב, יג) **אָכוֹל וְשָׁתוֹ, הָלוֹךְ וּבָכֹה** (שמואל ב' ג, טז). **וכן פתרונו, תנו לב 'לזכור תמיד' את יום השבת וכו'.**

[נג] **בנועם מגדים פרשת יתרו: או יאמר זָכוֹר כו' לְקַדְּשׁוֹ, כי אמרו רבותינו ז"ל** (פסחים קו.) **זכריהו על היין, ושלא ידאב לב אדם על הדבר ולא יעשנו בחפץ ורצון, מהיותו חושק לפרישות מן היין, דעל ידי זה מגיע לקדושה כמו שאמרו רז"ל** (תענית יא.) **נזיר שלא פירש עצמו אלא מן היין נקרא קדוש, דזה הבטיחה התורה על היין שיהיה יין זה 'לְקַדְּשׁוֹ', לא שלא יגרע כח קדושה, אדרבה יוסיף תת לך כח הקדושה, כי כך המדה שלא להאמין בעובדא דווקא, רק ה' אלקינו המקדש לעמו ישראל, ופעמים על ידי עובדא זו ופעמים בהיפוכו, והארכנו בזה בפרשת תשא בפסוק אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי כו', עיין שם ויונעם לך והבן היטב.** [ועיין שם בזה עוד ב' אופנים ואכמ"ל].

**ושם בפרשת כי תשא כתב: זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ. לכאורה איכא למידק דהיה לו לומר זכור 'לקדש' את יום השבת, ולא לסתום בתחלה לאיזה ענין היא הזכירה, רק לפרש זכור לקדש, וגם לא הוי צריך הוי"ו והוי סגי למכתב זכור 'לקדש'. אמנם הענין יובן עם ארז"ל** (תענית יא.) **ביושב בתענית נקרא קדוש, ומה נזיר שלא ציער עצמו אלא מן היין נקרא קדוש וכו', וחד אמר נקרא חוטא ומה נזיר כו', מֵאֲשֶׁר חָטָא עַל הַנָּפֶשׁ כו'** (נשא ו, יא). **ויש לעיין מה חטא הוא זה שריחק שתיית היין, אשר הרבו חכמינו ז"ל לספר בגנות שתייתו, ואין לך דבר המביא יללה כו'** (ברכות מ.), **וכהנה רבות, ואיך יתכן לומר על המרחיק היין 'חוטא'. ○ אמנם הענין עם אמרם ז"ל** (ביצה טז.) **על שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ** (תשא לא, יז), **נשמה יתירה ניתנה כו' כיון ששבת ווי אבדה נפש. והנה גם בזה המאמר צווחו קמאי דקמאי, דאדרבה כיון ששבת באה הנפש. אמנם הענין הוא, כי באמת כבר אמר החכם** (משלי כ, א) **לֵץ הַיַּיִן כו' ואמרו רז"ל** (סנהדרין ע.) **לא נאמר ווי אלא על היין, וכמה ווי"ן נאמר** (נח ט, כא) **וישת וישכר כו' כמו שאמרו רז"ל** (שם). **אמנם התורה אסרה והתורה שרתה, וחבת הקודש של שבת מכשרת את היין לקידושא ואבדלתא, וכמו שאמרו רבותינו ז"ל** (פסחים קו.) **זָכוֹר זכריהו על היין, וזהו ווי אבדה נפש, שגדול מעלת הנפש הבאה לאיש ואיש מישראל בשבת קודש, שמאבדת את הַ'וַי' האמור על היין, כי זהו דרך חול, אבל אידלי יומא דשבתא אזי הוי אבוד, והותר היין לקדושת שבת, וזהו ארז"ל ווי אבדה נפש וכמ"ש. ○ והנה מרנא ורבנא הר"ם אלשיך ז"ל פירש הכתוב** (תשא לא, יד) **וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַשַּׁבָּת כו', כי משל למלך השולח את בתו להתאכסן אצל**

**לְקַדְּשׁוֹ גייט אַרויף אויפן מענטש.** [וכוונת הכתוב], **אַז מ׳געדענקט כסדר דעם שַׁבָּת, דעס איז מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר** [דעם מענטש]. –

**אָבער יהיה איך שיהיה, זָכוֹר איז טייטש** [לפי פשוטו], **אַז דעם שבת דאַרף מען כסדר געדענקען.**

פט

ולפי זה ישאל השואל דאם גם אצל זכירת מעשה עמלק, יש לפרשו כן, שיזכור תמיד את העבירות שעשה עמלק, ועל זה קשה דהרי לא טוב הדבר לחשוב תמיד בעבירות. וכדרך שהבאנו בענין הפסוק וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי ׳תָמִיד׳, דאין לפרשו תמיד ממש

[ואם כן] **און ׳זָכוֹר׳ אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק** [כמו כן משמע לכאורה] **אַז ער זאָל אַריינקלערן אין די עֲבֵירוֹת וואָס עֲמָלֵק האָט געטון, דאָס זאָל מען אויך כְּסֵדֶר אַריינקלערן,** [ועל זה קשה שהרי] **דאָס איז נישט גוט, מ׳דאַרף** [דאָך] **נישט אַריינקלערן** [כסדר].

**נאָר בְּדֶרֶךְ כְּלַל דאַרף מען וויסן** [אַז] **מ׳איז מְחֻיָּב לְהֲמִמוֹ וּלְאַבְּדוֹ,** [און] **׳איין מאָל אין יאָר׳ זאָגט מען** [עס] **מיטן מויל. איין מאָל אין יאָר גייט מען דורך ׳בְּדֶרֶךְ כְּלַל׳** [לזכור] **וואָס ער האָט געטון.**

**אָבער** [אַז] **ס׳זאָל ליגן אין מֹחַ, קען מען טאַקע מיטגעריסן ווערן אינאיינוועגס. אַז מ׳קלערט אַריין אין עֲבֵירוֹת, וואָס יענער האָט געטון, קאָן מען חָלִילָה אַריינפאַלן.**

**אַזוי שטייט דאָך אין אַלע ספרים הקדושים, ס׳איז נישט גוט צו קלערן צופיל אין אַן עֲבֵירָה.**

צ

וזה שאמרו במדרש כיצד יתקיימו שניהם, דלכאורה שניהם נאמרו בלשון שוה ואופן שוה, ואצל השבת ניחא, אבל אצל עמלק לא ניחא לפרש כן

**קלערט דאָ אַריין** [דער מדרש], **ווייל דער מדרש** [דאָס] **באַוואָרענען, אַז מ׳וועט דאָ פרעגן איינער וואָס איז טייטש זָכוֹר,** [צי] **איז טייטש זָכוֹר כְּסֵדֶר, צי נאָר** [מזמן לזמן].

[וזה שאמרו במדרש] **ס׳שטייט זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, און דאָרט איז דאָך עס טייטש אוּדאי** [תמיד ממש], **איז דאָך גוט אַז מ׳זאָל כְּסֵדֶר** [געדענקן דעם שַׁבָּת][נד]. **נו די זעלבע שטייט** [דאָך] **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, אין די מַעֲשֶׂה עֲמָלֵק זאָל מען אויך טייטשן** [דיש לזכור] **׳כְּסֵדֶר׳?** [והלא] **דעס ברענגט נישט קיין קְדוּשָׁה.**

---

אחד מעבדיו, ואם יתעמר בה האיש הזה באיזה מלאכה, וודאי נתחייב ראשו למלך. וזהו מאמר הכתוב וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַשַּׁבָּת, כִּי הרי קֹדֶשׁ הִיא לָכֶם, שבשבת הרי בא קודש להתאכסן אצליכם נפש יתירה, בת מלך מלכו של עולם, לזה מְחַלְלֶיהָ בעשיית מלאכה ודאי מוֹת יוּמָת, עיין שם בדברי קדשו באורך כי נעמו וכו׳. ○ ובזה נבא לבאר הכתוב שעמדנו בו, והוא עם אמרם ז״ל הנ״ל כי נזיר נקרא קדוש על שציער עצמו מן היין, ופירש רש״י ז״ל כי היין מביא לידי זימה ח״ו, כאמרם (סוטה ז.) הרבה יין עושה, ויתהלך במישרים. הרי פרישות היין הוא פרישות הזימ,ה וכבר אמרו חכמינו ז״ל (ויקרא רבה כד, ו) כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה, לזה כך נאה להקרא הנזיר קָדוֹשׁ, מהיות כי גדר בעדו גדר לערוה, וזהו טעם נכון ואמיתי לדעתי. וזהו מאמר הכתוב זָכוֹר אֶת יוֹם כו׳, ועל דרך שדרשו רבותינו ז״ל זכריהו על היין. ובל יעלה על לב אדם כי מה זאת כי כל ימות החול נבדל נבדלתי מן היין, והוא המקריאני קדוש ואיך ביום הנכבד הזה אחול קדושתי בשתיית היין. **לזה אמר כי אדרבה תדע כי ביום זה היין גורם ׳לְקַדְּשׁוֹ׳, ולא די שאינו גורם ריחוק הקדושה אדרבה היין גורם לקדושה שתבא.**

[נד] וז״ל רבינו בס״ג יתרו תשי״ז: און אַזוי ׳שַׁבָּת׳ ברויך מען ׳כְּסֵדֶר׳ אינזין האָבן, מֵחַד בְּשַׁבָּא לְשַׁבְּתָא (ביצה טז.). **אַז נישט שפּירט מען נישט קיין טַעַם אין שַׁבָּת.**

KolSatmar.com

[ולזה מקשה] **כֵּיצַד יִתְקַיְּמוּ שְׁנֵיהֶם** [באופן שוה, והלא] **דאָס טויג נישט, דאָס קען דאָך נישט זיין.**

צא

### ישוב קושיא יז

ועל זה משיב דבאמת לא דמי אהדדי, וכדרך שפירש רש״י בלשון 'תמיד', דהוא מתפרש בכל מקום לפי ענינו, אם תמיד ממש או רק מזמן לזמן. כמו כן יתפרש בלשון 'זכור' בכל מקום לפי ענינו, דאצל השבת הוא תמיד ממש, ואצל זכירת עמלק הוא בעיקר פעם אחת בשנה, ובשאר זמנים מתקיים על ידי עשיית מעשים טובים שבזה מכניעין כוחו, אבל לא בזכירת פרטי העבירות שעשה עמלק

**ענטפערט ער אַז ניין, יעדעס** [זכירה איז] **דָּבָר הַלָּמֵד 'מֵעִנְיָנוֹ', מ'דאַרף קוקן אויף וואָס אַרויף** [גייט דער זָכוֹר].

**דעס איז לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְּגוֹ, דעס איז טאַקע גוט** [לפרש לשון זָכוֹר, אויף] **כְּסֵדֶר.**

**און דעס איז זָכְרֵהוּ לְהָמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ, איז נישט אַזוי טייטש,** [נאָר דעס] **איז אַזוי ווי תָּמִיד** [שמפרש רש״י] **כָּל לַיְלָה וָלַיְלָה קְרוּיָה תָּמִיד, ווען די צייט איז דאַרף מען געדענקען עֲמָלֵק'ן. און בְּדֶרֶךְ כְּלָל דאַרף מען** [אָבער] **טון גוטע מַעֲשִׂים טוֹבִים,** [און] **מיט דעם אַליין איז מען זיך מִתְגַּבֵּר** [בכח הקדושה, לנצח כוחו של עמלק].

צב

### הקדמה לישוב קושיא טז-יז (באופן שני)[נה]

במדרש מפרש ענין זכירת מעשה עמלק, דעיקר הכוונה בזה הוא שיזכרו ישראל מה שחטאו הם מקודם לזה, ולא יעשו עוד ככה. אלא מפני כבודם של ישראל, מזכירין זאת על ידי זכירת מעשה עמלק, וכמשל הכלב שנשך את בן המלך שעבר על מצות אביו, שאביו מזכיר לו נשיכת הכלב, כדי לרמז לו מה שחטא בעצמו

**איך האָב דאָ פאַרגעסן נאָך** [להזכיר עוד מדרש, לעיל בין הקושיות].

**ס'איז דאָ אַ מדרש נאָך, אין די פסיקתא[נו]. און אין ילקוט אויכעט[נז]. נעמט ער אין-פְּלוּג[נח] אַרויס פון די כַּוָּנָה, דעם גאַנצן זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.**

---

[נה] והוא כעין אופן הראשון. אלא באופן דנפרשו על החטאים של ישראל עצמן, ולא על העבירות שעשה עמלק.

[נו] **בפסיקתא דרב כהנא** (ג, ט): **למלך שהיה לו כרם והקיפו גדר, והושיב בו המלך כלב נושכן, אמר המלך כל מי שיבוא ויפרוץ את הגדר ישכנו הכלב, ובא בנו של מלך ופרץ את הגדר ונשכו הכלב, וכל זמן שהיה המלך מבקש להזכיר חטא של בנו מה שעשה בתוך הכרם, הוא אומר לו זָכוֹר אַתְּ שנשכך הכלב. ○ כך כל זמן שהקב״ה מבקש להזכיר חטאן של ישראל מה שעשו ברפידים שאמרו הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, הוא אומר להם זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.** [וכן הוא המשל גם בתנחומא תצא (סימן ט)].

**ובפסיקתא רבתי** (פרשה יב): **דבר אחר זָכוֹר, אמר רבי ברכיה, לְמָה הדבר דומה, למלך שהיה לו פרדס, והיה לו כלב אחד יושב ומשמר את הפרדס. בא בנו של אוהבו של מלך לגנוב מתוך הפרדס, עמד אותו הכלב ונושכו. כשהיה המלך מבקש להזכיר לבנו של אוהבו שרצה לגנוב מתוך הפרדס שלו, היה אומר לו זכור מה שעשה לך אותו הכלב ○ כך ישראל חטאו ברפידים ואמרו הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ, ומיד בא הכלב ונשכום, זה היה עמלק, שנאמר** (שם, ח) **וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִם, וכשהיה הקב״ה מבקש להזכיר ישראל החטא שחטאו ברפידים, היה אומר זכורים אתם לאותו עמלק שבא עליכם, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.**

**ובפרקי דרבי אליעזר** (פרק מד) **נזכר משל זה באוהבו של מלך עצמו, וז״ל: משל למה הדבר דומה, למלך שהיה לו פרדס אחד וכלב קשור בפתח הפרדס, והמלך יושב בעליותיו צופה ומביט כל מה שבפרדס. נכנס אוהבו של מלך לגנוב מן הפרדס, ושיסה בו את הכלב וקרע את בגדיו. אמר המלך, אם אני אומר לאוהבי למה נכנסת לתוך הפרדס, הרי אני מגלה את פניו, אלא הריני אומר לו הֲרָאִיתָ אותו כלב שוטה איך קרע את בגדיך ולא היה מבין שאתה אוהבי. ○ כך אמר משה, הרי אני אומר להם לישראל מעשה עמלק, ומיד הם מבינים מה שכתוב לעיל, לפיכך אמר להם משה זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.** [ועיין בזה גם בלשון הפרקי דרבי אליעזר שם, המובא לעיל בהערה ט, שעליה מוסב קושיא טז-יז ותירוצו. וע״ע להלן בהערה סב].

[נז] **בילקוט שמעוני** (בשלח רמז רסא). **שהביא שם דברי הפסיקתא דלעיל.**

[נח] **פירוש: לפום ריהטא, במושכל ראשון, לכאורה.**

צג

ס'שטייט זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, זאָגט ער אַ מָשָׁל, אַ מֶלֶךְ האָט געהאַט אַ פַּרְדֵס, האָט ער געשטעלט אַ כֶּלֶב פאַר אַ שׁוֹמֵר. איז דער זון פונעם מֶלֶךְ אַריינגעגאַנגען אינעם גאָרטן, [און ווען] ער האָט געוואָלט אַריינגיין, האָט אים דער כֶּלֶב צוביסן.

און דערנאָך האָט ער [דער מלך] אים אַלץ געוואָלט דערמאַנען וואָס ער האָט געטון, ער זאָל זיך באַרעכנענען [להתחרט על מה שעשה], האָט ער אים נישט געוואָלט מְבַיֵּישׁ זיין [אַז] ער זאָל אים דערמאַנען וואָס ער האָט געטון, האָט ער אים געזאָגט זאָלסט געדענקען וואָס דער כֶּלֶב האָט דיר געטון, האָט ער פאַרשטאַנען שוין פון דעם וואָס דער כֶּלֶב האָט געטון פאַרדעם ווייל ער איז אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן, האָט ער פאַרשטאַנען [אַז] ער האָט געזינדיגט.

צד

זאָגט ער, [דער נמשל איז] ווייל אידן האָבן געזאָגט הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן (בשלח יז, ז), דורכדעם איז געווען וַיָּבֹא עֲמָלֵק (שם, ח), אַזוי דַרְשְׁ'נט דאָך די גמרא[נט].

איבערדעם, אַז מ'האָט זיי געוואָלט דערמאַנען דעם חֵטְא, זאָגט מען זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.

צה

לְפִי זֶה איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש, ער נעמט עפּעס אַרויס גאָר פונעם [פְּשַׁט], דעס גאַנצע וואָס מ'איז מְחוּיָב דאָ [בזכירת] מְחִיַּית עֲמָלֵק, מ'זאָל געדענקען וואָס ער האָט געטון, [אין הכוונה על מעשה עמלק עצמו, רק על מה שחטאו ישראל מקודם, עד שעל ידי זה היה בכוחו לבוא].

צו

[הקדמה לישוב קושיא כ, וקושיא ז]

עוד אמרו במדרש בענין המחייה כי באמת מה כוחנו בזה, אלא שמבקשין מהשי"ת שהוא ימחה אותו,
והשיב הקב"ה דעלינו לעשות רק קריאת הזכירה, ומה ששייך בידינו, ועי"ז אני אמחה אותו לבסוף

ס'איז אויך דאָ אַ מדרש[ס], אידן זאָגן פאַרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואָס קאָן מיר אונז טון, זעמיר דען בְּכֹחַ [צו] אויסמעקן?

---

[נט] היינו בדברי חכז"ל, והוא בשמות רבה (כו, ב). וכן במדרשים דלעיל, ועוד. אמנם גם בגמרא איתא עיקר הענין שעמלק בא עבור החטא, והוא על שלא שמרו את השבת, וכמבואר בגמרא שבת (קיח:): אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהן אומה ולשון, שנאמר (בשלח טז, כז) וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקֹט, וכתיב בתריה וַיָּבֹא עֲמָלֵק.

[ס] בפסיקתא רבתי (סוף פרשה יב): אמרו ישראל לפני הקב"ה, רבון העולמים, אתה אומר לנו הוו זכורים למחות את זכר עמלק, בשר ודם אנו, לשעה אנו, אתה שאתה חי וקיים לעולמי עולמים הוי זָכוֹר. אמר להם הקב"ה, בָּנַי, אין לכם אלא להיות קוראים פרשת עמלק בכל שנה, ומעלה אני עליכם כאילו אתם מוחים שמו מן העולם.

ועוד שם (פרשה יג): כיון שהקב"ה מְצַוֶּה את ישראל ואמר זָכוֹר וגו', אמרו לו אַתְּ הוי זכור, שנאמר (תהלים קלז, ז) זְכֹר ה' לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם. אמר להם הקב"ה, עֲשׂוּ את שלכם, 'תִּמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, ואני אעשה את שלי, כִּי מָחֹה 'אֶמְחֶה' אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק.

ובפסיקתא דרב כהנא (ג, ז) [וכן הוא בתנחומא כי תצא (סימן ט)]: אמר רבי ברכיה, אַתְּ אומר לנו זכור, אתה זכור, אנו שכחה מצוייה בנו, אבל אַתְּ שאין שכחה לפניך, אַתְּ הוי זכור לו את אשר עשה לך. אמר רבי יצחק, לנו עשה, לך לא עשה? זְכֹר ה' לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלִָם וגו' (תהלים קלז, ז).

**זאָגט השם יתברך, עטס זאָלט נאָר ליינען יעדעס יאָר, וּמַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ מְחִיתֶם אוֹתוֹ,** [און] **דאָס איבעריגע וועל ׳איך׳ טון.**

**אין פַּיְט**[סא] **זאָגט מען דאָך אויך** [אַזוי], **יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁעָשׂוּ לָנוּ עָשׂוּ לָךְ, זיי האָבן מער געטון אַקעגן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים געזינדיגט, ווי אַקעגן אידן. דאָס גאַנצע שטיקל פַּיְּט** (שקודם קדושה) **איז דאָך פיל מיט דעם.**

צז

**ישוב קושיא טז (באופן שני)**

ולדרך המדרש דקאי על זכירת מעשה ישראל, יש לפרש גם כן הסתירה בענין זכור על דרך הנזכר, והוא ממש כדרך שהבאנו בביאור הפסוק וחטאתי נגדי תמיד, שאין לחשוב תמיד בעוונותיו אפילו בדרך חרטה. ולזה מקשה דהלא בשבת הציווי על הזכירה תמיד, ואין סברא לעשות כן בזכירת מעשה עמלק, שהוא זכירת חטאים שלנו

**על כל פנים דאָס זאָגט דער מדרש** (שבקושיא טז), **דאָ שטייט זָכוֹר, און דאָ שטייט זָכוֹר. נו ווּעט מען דאָ נישט פאַרשטיין,** [צי] **איז טייטש זָכוֹר כסדר, צי איז טייטש זָכוֹר אַמאָל. דאַרף מען וויסן ׳וואָס׳ דאָס איז טייטש.**

[ולפי דרכינו עתה מתאים זה טפי עם מה שהקדמנו בשם הרה"ק מלובלין דאין להרהר תמיד בחטאים אפילו בדרך חרטה, דהא לפי האמור עתה, הרי כל ענין זכירת מעשה עמלק הכוונה בזה רק להזכיר מה שחטאו ישראל עצמם קודם לזה][סב].

צח

**ישוב קושיא יז (באופן שני)**

ועל זה משיב גם כן כאופן הנזכר, דבכל מקום
מתפרש ענין הזכירה לפי ענינו, ואין בזה סתירה

**זאָגט ער ניין, דאָס איז נישט קיין קַשְׁיָא,** [דהוא] **דָּבָר הַלָּמֵד ׳מֵעִנְיָנוֹ׳.**

**יעדע זאַך, מ׳דאַרף קוקן ביי וואָס** [ס׳שטייט], **אויף וואָס עס גייט אַרויף די זכירה.** [דכשמיירי מהשבת] **לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְּגוֹ איז טייטש זָכוֹר** [׳כסדר׳, ווייל] **יעדע זאַך איז טייטש לויטן עִנְיָן. אָבער דעס וואָס ס׳איז לְהָמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ דעס דאַרף מען אַמאָל אינזין האָבן,** [און] **דער עיקר איז** [בשאר זמנים] **ברויך מען טון מַעֲשִׂים טוֹבִים** [כדי צו] **לוֹחֵם זיין** [עם כוחות הרע, וואָס] **דאָס איז אַ היפוך** [מהחטאים, שבזה הגבירו כוחם].

[שהרי] **דער עִיקָר** [מלחמת עמלק] **איז דאָך** [עם כוחות היצר הרע וסטרא אחרא, כי] **עֲמָלֵק איז דאָך געוועזן דער ס"מ, שַׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו.**

---

[סא] **ביוצרות לשבת זכור** (בפיוט שקודם קדושה): זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לָךְ. אֲשֶׁר קָרְךָ וַיְחַשִּׁילָךְ. וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לָךְ. תִּמְחֶה זִכְרוֹ מִכָּל גְּבוּלָךְ. וְהֵם יָשִׁיבוּ וְיֹאמְרוּ לָךְ. וּמִשֶּׁלָּךְ עוֹד יִתְּנוּ לָךְ. אָנָּא הָקֵם אֶת דְּבַר מִלּוּלָךְ. עַד שֶׁאַתָּה מְצַוֵּנוּ הִזָּכֵר לָךְ. אַתָּה זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשׂוּ לָךְ. זְכוֹר ה׳ אֶת יוֹם זְבוּלָךְ. הַמִּתְגָּאִים וְנוֹאֲמִים פֹּה מַה לָּךְ. הַשּׁוֹלְחִים זְמוֹרוֹת בְּאַף לְחַלְּלָךְ. זְכוֹר כִּסֵּא כְּבוֹד גָּדְלָךְ. אֲשֶׁר מִגְּרוּ וְנִאֲצוּ לְמוּלָךְ. וְשִׁלְּחוּ בָּאֵשׁ הֵיכָלָךְ. וַיָּשִׂימוּ כָּל גְּבוּלָךְ. וְשִׁדְּדוּ וְנִתְּקוּ יְרִיעוֹת אָהֳלָךְ. אֲשֶׁר צִוִּיתָה לֹא יָבֹאוּ בַקָּהָל לָךְ. אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי בְּגָלְלָךְ. וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם הִלּוּלָךְ. עָלֶיךָ יַעֲזוֹב חֵילָךְ. וְיוֹתֵר מֵאֲשֶׁר עָשׂוּ לָנוּ עָשׂוּ לָךְ. אוֹתָנוּ בַּמִּדְבָּר נִלְחָמוּ, וְאוֹתְךָ בְּיִשּׁוּב נִתְלָחֲמוּ. אוֹתָנוּ חוּץ לַמַּחֲנֶה הָמוּ, וְאוֹתְךָ בְּקֶרֶב הַמַּחֲנֶה נָהָמוּ. אוֹתָנוּ פְּלִיטֵי עָנָן זָמָמוּ, וְאוֹתְךָ כַּפּוֹרֶת עָנָן גָּמָמוּ. אוֹתָנוּ לַחֲשׁוּלֵי עָב דִּמּוּ, וְאוֹתְךָ עֲלוֹת עַל בָּמֳתֵי עָב דָּמָמוּ. אוֹתָנוּ חוּץ מִמְּחִיצָּה קָמוּ, וְאוֹתְךָ לִפְנַי וְלִפְנִים קִדְּמוּ. אוֹתָנוּ בְּרִחוּק מָקוֹם אִשְּׁמוּ, וְאוֹתְךָ בְּקֶרֶב מְקוֹמְךָ שִׁמְּמוּ. אוֹתָנוּ חוּץ מִישִׁיבָתֵנוּ רָמוּ, וְאוֹתְךָ בִּמְכוֹן שִׁבְתְּךָ דָּמוּ. אוֹתָנוּ אוֹת בְּרִית מִשְּׁאֵר הֵרִימוּ, וְאוֹתְךָ עֲשֶׂרֶת אַבִּירֵי בְּרִית הֶחֱרִימוּ. אוֹתָנוּ בְּהַנָּחַת יְדֵי עָנָיו הֵרִימוּ, וְאוֹתְךָ תְּלוֹת יָד לְמוּלְךָ הֵרִימוּ. אוֹתָנוּ נִתְיַעֲצוּ וְסוֹד הֶעֱרִימוּ, וְאוֹתְךָ כְּרוּבֵי סוֹדְךָ לַחֲרָפוֹת הִגְרִימוּ. **וְאַתָּה ה׳ לְעוֹלָם תֵּשֵׁב** וכו׳.

[סב] ובזה מיושב היטב גם כל ׳המשך׳ דברי הפרקי דרבי אליעזר שבקושיא טז, דמתחיל לעיל מיניה בענין זה דכוונת הזכירת מעשה עמלק הוא כדי להזכיר בדרך כבוד את החטאים של ישראל, וכמובא לשונו לעיל בהערה ט, עיי"ש ותבין.

קפב

## המשך ישוב הקושיות בפרשת זָכוֹר

### הקדמה לישוב קושיא כ

נאָר דער אֱמֶת, [ליישב] דעס וואָס איך האָב געזאָגט (בקושיא כ) פּאַרוואָס שטייט 'קודם' אֶמְחֶה.

קפג

עיקר ענין "עֲמָלֵק" קאי על השר שלו שהוא שַׂר של עֵשָׂו שהוא הס"מ. והרי הוא וכוחותיו היו מעולם עתידין להתבטל לעתיד לבא בכל אופן, ואפילו אם לא היו באים ללחום עם ישראל במדבר

לעולם איז דאָך אַזוי.

עֲמָלֵק איז דאָך, עֲמָלֵק [מיינט] דער שַׂר, [דהיינו] דער ס"מ (וכדלעיל באות צח).

סיי ווי סיי, אפילו ווען ער טוט [ווען] נישט די מַעֲשֶׂה מיט 'אידן', העט מען אים אויך מַעֲבִיר געווען מִן הָעוֹלָם, לעתיד [לבא][סג]. דאָס העט גיווען געווען סיי ווי סיי.

קפד

ואדרבה, אם לא היה בא עֲמוֹ ללחום עם ישראל, אזי מעיקרא היה עתיד להיות רק בחינת 'אֶמְחֶה', שהקב"ה בעצמו יעבירו מן העולם לעתיד לבא. אלא שבשביל שחטאו ישראל, ונגרם שעי"ז היה בכחם לבוא ללחום עמהם במדבר, לכן בכדי לתקן החטא, נצטוו גם בני ישראל לזכור מעשיו, ולמחות זכרו, בבחינת 'תִּמְחֶה'

נאָר דער אֱמֶת, פאַרקערט, ווען ס'העט נישט גיווען געווען וואָס ער האָט געטון מיט אידן אין דער מִדְבָּר, העט מֵעִיקָרָא אָן העט גיווען געווען דער אֶמְחֶה, העט גיווען געווען [רק] דער אֶמְחֶה. [ולכן] דער אֶמְחֶה שטייט טאַקע פריער, [ווייל] ס'העט גיווען געווען אַזוי אויך.

נאָר ווייל מ'האָט דאָך אָבער געזינדיגט [ואמרו] הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, און ער האָט [דורכדעם] אַ כֹּחַ געהאַט, איבערדעם ברויך מען דיביידע ברויך מען טון. [ווייל] מיט דעם וואָס מ'איז אים מוֹחֶה [בבחינת תִּמְחֶה], דאָס איז דער תִּיקוּן פון דעם עָוֹן.

קפה

דאָס איז ביידע אֱמֶת[סד], מ'דאַרף געדענקען דעם עָוֹן [מה שחטאו ישראל], און מ'דאַרף געדענקען [מה שעשה עמלק, און] אַז מ'דאַרף אים מוֹחֶה זיין לְהָמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ [בדרך 'תִּמְחֶה'. ושניהם הא בהא תליא, ווייל] דורכן חֵטְא, מוז מען זיך אַליין מְיַגֵּעַ זיין [למחותו].

קפו

ווי ס'שטייט (קהלת א, יח) בְּרֹב חָכְמָה רָב כָּעַס. דורך די עֲוֹנוֹת, איז צוגעקומען ספרי נביאים. ווי די גמרא זאָגט אין נדרים[סה], [בדרשת זה הפסוק] בְּרֹב חָכְמָה רָב כָּעַס.

---

[סג] וכמבואר בגמרא סוכה (נב.): לעתיד לבא מביאו הקב"ה ליצר הרע ושוחטו בפני הצדיקים ובפני הרשעים וכו'. - ובגמרא מכות (יב.): ג' טעיות עתיד שרו של רומי לטעות, דכתיב (ישעי' סג, א) מִי זֶה בָּא מֵאֱדוֹם חֲמוּץ בְּגָדִים מִבָּצְרָה וכו'. [ועיין ברש"י ישעי' שם].

[סד] הן הפשט של המדרש (דלעיל באות צב-צד) במשל הכלב ובן המלך. והן כפי פשוטו.

[סה] בגמרא נדרים (כב:): אמר רב אדא ברבי חנינא, אלמלי לא חטאו ישראל, לא ניתן להם אלא חמשה חומשי תורה, וספר יהושע בלבד [פי' הר"ן: שעיקרן של שאר נביאים לא היה אלא להוכיח ישראל על עבירות שבידם, ואלמלי לא חטאו לא הוצרכו לתוכחה], מפני שערכה של ארץ ישראל הוא [שבספר יהושע מפורשות עיירות שבארץ ישראל והנחלות

**אַז ווען אַ איד העט נישט גיווען געזינדיגט, העט מען נישט גיווען געהאַט נאָר די תּוֹרָה, און ספר יהושע בלבד.** [ורק] **דורכדעם איז דאָ די** [שאר ספרי] **נביאים,** [ווייל] **אַ גרויס חֵלֶק** [פון די] **תּוֹרָה איז צוגעקומען דורך עֲוֹנוֹת יִשְׂרָאֵל.**

קפז

[וכמו כן בענין מחיית עמלק].

**ווען מ׳זינדיגט נישט, און ער העט נישט גיווען געטשעפעט מיט אידן, העט נישט גיווען געווען דער גאַנצער זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. נאָר אָבער דער ׳אֶמְחֶה׳ העט גיווען געווען.**

**נאָר מַחֲמַת ווייל מ׳האָט געזינדיגט, איז דאָ** [אויך] **דער ׳תִּמְחֶה׳ אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק.**

קפח

אלא דלאחר שפשט ידו במקדש, שוב חזרה בחינת ׳אֶמְחֶה׳.

והיינו שעיקר וגמר מחייתו יהיה על ידי הקב״ה

**אָבער מַחֲמַת ווייל ער איז דאָך אָבער פון די מַחְרִיבִים פונעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וועט צוריקקומען דער ׳אֶמְחֶה׳.**

קפט

**ישוב קושיא ב**

ואתי שפיר מה שבתורה נאמר תחילה לשון ׳אֶמְחֶה׳, ורק אחר כך נאמר לשון ׳תִּמְחֶה׳. דלעולם מתחילת הבריאה קדמה להיות עתיד בחינת אֶמְחֶה, ורק אחר כך כשחטאו ישראל נעשה בחינת תִּמְחֶה. אבל שוב לאחר שהחריב המקדש יתקיים לבסוף בחינת אֶמְחֶה, ומזה מיירי במדרש דמתחילה מעת שלחם עם ישראל היה בחינת תִּמְחֶה, ואחר כך בחינת אֶמְחֶה

**איבערדעם איז רעכט פאַרוואָס דאָס שטייט פריער.**

**וואָרן דער אֱמֶת, ווען נישט דער חֵטְא, העט דאָס גיווען געווען פון תְּחִלַּת אָן ׳אַזוֹי׳, העט גיווען געווען דער סוף** [רק בבחינת ׳אֶמְחֶה׳]**, העט מען זיך נישט גיווען געדאַרפט ניטאַמאָל מְיַגֵּעַ זיין מיט אים.** [ורק] **אַזוֹי אַרומער** [לפי שחטאו] **מוז מען זיך ווי טון**[סו] **אַליין, מיט דער קְרִיאָה, און** [דורך] **׳מֵשִׂים אֶל הַלֵּב׳ זיין.**

קצ

## עיקר מצות הזכירה הוא לזכור גם ׳בְּלֵב׳

[דהנה] **ס׳איז אַ פְּשִׁיטָא אַז קְרִיאָה בְּפֶה איז** [אויך] **נישט טייטש מיטן מויל אַליין.**

**אַז מ׳האָט נישט ׳אינזין׳ איז דאָך** [עס] **גאָרנישט, דאָס איז דאָך נישט קיין זְכִירָה.**

**ווי די גמרא זאָגט**[ל] **יָכוֹל בְּלֵב,** [כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמור, הא מה אני מקיים זָכוֹר בְּפֶה. ואם כן מכיון שנאמר לֹא תִּשְׁכָּח, דהיינו בלב, על כרחך דמצות זָכוֹר בא רק להוסיף על זכירת הלב, להזכיר ׳גם׳ בְּפֶה, אבל ׳בְּלֵב׳ ודאי שצריך לִזְכּוֹר].

קצא

**על כל פנים זְכִירָה** [עיקרו בְּלֵב]. **מ׳מיינט נאָר** [אַז] **בְּפֶה ׳אויך׳, אָבער די זְכִירָה איז טייטש בְּלֵב.**

---

אשר נחלו ולפיכך אפילו לא חטאו היו צריכין ספר יהושע]. מאי טעמא, כִּי בְּרֹב חָכְמָה רָב כָּעַס [ברוב דברי חכמות הנביאים, יש סימן לרוב כעס שהכעיסו ישראל להקב״ה].

סו פירוש: זיך פּלאָגן.

[אָבער] טאָמער זאָגט מען עס ווי אַ ׳תְּחִינָה׳[סז], און מ׳האָט נישט אינזין ׳בְּלֵב׳, האָט מען נישט יוֹצֵא געווען [אף ידי חובת ׳זָכוֹר׳].

איבערהויפּט [ידי חובת] לֹא תִּשְׁכָּח איז דאָך אַודאי בְּלֵב, זאָגט דאָך די גמרא[סח].

[ואמרו שם עוד כי] די זְכִירָה [בלבד] העט אויך געווען בְּלֵב [אם לא היה נאמר גם לֹא תִּשְׁכָּח], נאָר ווייל ס׳איז אַ דָבָר נוֹסָף [מיתורא דקרא שהרי הוא אומר גם לֹא תִּשְׁכָּח] איז געדרינגען [אַז] בְּפֶה אויכעט.

קצב

על כל פנים ס׳מוז זיין ׳בְּלֵב׳.

מ׳מוז מֵשִׂים אֶל הַלֵב זיין, הן די אַלע פְּשָׁטִים וואָס חכמינו ז״ל האָבן געזאָגט, וואס מ׳האָט געזאָגט מ׳זאָל געדענקען דעם חֵטְא [שעשו בדור המדבר], און מ׳זאָל נישט זאָגן הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, און [הן] וואָס מ׳זינדיגט בְּכָל דוֹר וָדוֹר, [מיט דעם וואָס] מ׳האָט הִתְחַבְּרוּת מיט רְשָׁעִים[סט].

ברויך מען נישט אויסרעכענען בפרטיות דאָס גאַנצע ענין [שבמצב הדור].

קצג

סיום ישוב קושיא כ

און ווידעראום אַז ס׳ברויך צו זיין תְּמְהָה, דאַרף מען זיך דאָך מְיַגֵעַ זיין [אַז] מ׳זאָל מקיים זיין די מִצְוָה [גם בזמן הזה, על כל פנים בְּפֶה וּבְלֵב. ולעתיד יזכו להשתדל גם למחותו].

און דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וועט מקיים זיין דעם אֶמְחֶה [לגמור מחייתו בפועל, וגם בזמן הזה בהשפלת כוחות הטומאה עד כמה שזוכין].

קצד

אָבער דער אֱמֶת אַריין, דאָס ערשטע מאָל איז געזאָגט געוואָרן אֶמְחֶה, [ווייל] דער אֶמְחֶה איז טאַקע דער אֱמֶת [געווען פון] פריער, נאָר דורך די חֲטָאִים האָט זיך עס איבערגעדרייט [סדר הדברים, להיות תִּמְחֶה ואחר כך אֶמְחֶה, ולכן] איז ׳דאָס׳ געוואָרן שפּעטער [די בחינת אֶמְחֶה].

קצה

ישוב קושיא ז

לפי מה שפירשו חכז״ל דעיקר הזכירה הוא לזכור מה שעשו ישראל מקודם, עד שעל ידי זה בא הכלב ונשכם. אתי שפיר מה שמקדים הכתוב לומר זָכוֹר אֲשֶׁר עָשָׂה ׳לְךָ׳, דהיינו ׳בשבילך׳. כדי לרמוז עיקר הכוונה של הזכירה, דהוא על מעשה ישראל, ושידעו שלא לעשות עוד כן

איבערדעם שטייט זָכוֹר אֲשֶׁר עָשָׂה ׳לְךָ׳.

וואָרן דעס וואָס ער האָט געטון פאַרן בורא כל עולמים, אויף דעם איז דאָך [דער] אֶמְחֶה, [וכאן בפרשת כי תצא] ער וויל דאָך אויספירן דעם תִּמְחֶה, איבערדעם זאָגט ער

---

[סז] עיין כעין זה בלשון המגן אברהם (תלד, ו) לענין ביטול חמץ (אמירת כל חמירא) וז״ל: אבל אותם שאין מבינים כלל וסוברים שאומרים איזה ׳תְּחִינָה׳, פשיטא דלא יצאו וכו׳.

[סח] כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח, הרי שכחת הלב אָמוּר. (וכדלעיל באות קצ, ובהערה ל).

[סט] וכמו שהאריך רבינו בענין זה לעיל בהדרוש (בהנדפס בחלק א׳ של הקונטרס), וביאר בזה לשון הספרי כאן, וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב, שלא יֶאֱגַד עליך ׳אֲגוּדָה׳.

דעם לְךָ, ׳דו׳ דאַרפסט פאַרדעם מוֹחֶה זיין דעם זֵכֶר עֲמָלֵק, פאַרוואָס, ווייל ער האָט ׳דיר׳ געטון, ווייל דו האָסט געזינדיגט, און ער האָט דיר געטון, פאַר אידן אַליין, דורכדעם זאָל זיין ׳תִּמְחֶה׳ זֵכֶר עֲמָלֵק.

דאָס איז דער ׳לְךָ׳.

[און] איבערדעם, דאָס איז דעס גאַנצע ענין.

רכד

## ברכת הקודש

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן:
אַז מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין צו ׳מְחִיַּת עֲמָלֵק׳ בִּשְׁלֵימוּת.
ס׳זאָל זיין, ס׳זאָל ׳נִתְגַּלֶה׳ ווערן[ע] [דער כֹּחַ הַקְדוּשָׁה].

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים [זאָל העלפן]:
ס׳זאָל זיין, מ׳זאָל ׳דערהויבן׳ ווערן.
מ׳זאָל מיר דינען דעם בּאַשעפער.

מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין, מ׳זאָל שוין זען בִּישׁוּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל וְשִׂמְחָתָן.
מ׳זאָל נִיצוֹל ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה.
ס׳זאָל זיין די רעכטע גְאוּלָה שְׁלֵימָה וַאֲמִתִּית, בְּהִתְגַּלוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[ע] דרוש זה נאמר בכניסת ליל פורים, ולשון זה הנאמר בלשון סתום וקצר, הוא כנראה על פי דברי המקובלים בסוד יום הפורים, שביום זה מתגלה כח הקדושה גדול, ושלכן נקראת ״מגילה״, ואכמ״ל. - וכן הלשון ׳מ׳זאל דערהויבן ווערן׳, הוא לשון שאינו מורגל בדברי רבינו, והוא לשון המתאים על יום הפורים.

KolSatmar.com